פרייז 25 סענט

Юрьевская Еврейская библіотека имени Д-ра Я. А. Эйгеса
Библіотека академическ. еврейской исторіи и литерат.

# לא תרצח

שוחט השור מכה איש
(ישעיה ס״ו 3)

## איין אבהאנדלונג
## איבער „וועגעטאריאניזם"

Юрьевская Еврейская
библіотека имени
Д-ра Я. А. Эйгеса
№ 7443

איבערזעצט פון זיין ווערק אין ענגליש ביי

## א. ה. פריינקעל

AUTHOR OF

"THOU SHALT NOT KILL"—a treatise on vegetarianism.
"IN GOLD WE TRUST"—a tale of the Ghetto, etc.

BY

A. H. FRANKEL.

דריטער טהייל.

Copyrighted 1903 by A. H. Frankel.
All rights reserved.

библіотека имени
Д-ра Я. А.

# דריטער טהייל „לא תרצח“

---

### א פּאָאר ווערטער צום דריטען מאָהל — צו דיא לעזער פון דריטען טהייל „לא־תרצח“.

---

דיא אויפגאבע צו נעהמען א שפּאָגעל נייע אידעע — א פראגע גענצליך אונבעוואוסט, און פון וועלכע קיינער וויל זאָגאר הערען, און דיעזע צו פערהאנדלען אויף איין ארט ניט נור דאָס עס זאָל געפינען חן ביין לעזער, זאָנדערן עס זאָל נאָך אויף אוועק לייגען א פעסט געזעצטען פונדאמענט אין דעם זינען און ווירקען אזוי, אז עס זאָל זיך גאָר אָנהויבען צו דענקען אנדערש — אזא אויפגאבע פאר א שרייבער דורך צו פיהרען בשלום, איז ניט א לייכטע.

עס איז א שווערער עסק—זעהר שווער; און גראדע אזא אונט־ערנעהמונג איז געווען מיינע. נור אין טראָץ פון אלע שטערונגען, און דיא פיעלע הינדערניסע וועלכע איך האָב געטראָפען אין וועג, האָב איך דיעזע אויפגאבע דאָך דורך געזעצט — און מיט ערפאָלג!

און מי מלל—ווער וואָלט עס גאָר ווען געגלויבט? ווער וואָלט גאָר געדענקט דאָס אזא ווערק וויא „לא תרצח“, אויף וועלכע קיינער האָט אָנפאנגס געוואָלט א קוק טאָהן — וועלכע קיין פובלישער האָט אין דער האנד געוואָלט אריין נעהמען — ווער וואָלט עס גאָר ווען געגלויבט דאָס אזא ווערק זאָלל ענדליך דאָך דורך האקען פאר זיך א וועג, און ווערען בעזאָנדערס פּאָפּולער אין א צייט ווען נור שונד ראָמאנען האָבען רעגיערט דעם גייסט פון דעם אלגעמיינעם אידישען לעזער? אין א צייט ווען נור אזעלכע ערהאבענע ווערקע וויא „דיא געהיימניסע פון טירקישען הויף“ האָבען פעראינ־טערעסירט זיין געשמאק —אין א צייט ווען כאראקטערלאָזע פּוב־לישערס און נאָך ערגערע שרייבערס — א גאנצע חאלאסטרע לצים, האָבען געדיכט געקאָרמעט דעם עסטעטישען געפיהל פון אי־דישען לעזער מיט דיא שמוציגסטע מאטעריאל — אין אזא טרויעריגע צייט, האָב איך געדארפט פיהרען א פּראָצעס

— ערשטענס מיט א גערׇאנקען שוין צימליך גוט פערקריפּעלט דורך פוילע ליטעראַטור אזוי דאָס קיין אידעלעס האָט עס שוין כמעט גאָר ניט געקענט פערדייען; און צווייטענס מיט'ן מאָגען פון מענשען וואָס האָט קיינע אויערן און וויל ניט הערען פון ויכוחים וועגן עס וויל עסען.

דער פּראָצעס איז געווען א העפטיגער. נור „ודברך אמת, וקים לעד" — אויב דיינע ווערטער זיינען אמתה, וועלען זיי שוין אייביג עקזיסטירען. קיין ריכטיג אמת'ער וואָרט געהט וועגן פערפאלען. עס האָט אירגענד וואו איין אָבקלאנג; און וויא ניט פּאָפּולער איין אמת'ע זאך מעג זיין פון אָנפאנג, גראָבט עס דאָך דורך לאנגזאם פאר זיך א וועג און עס געפינט דאָך ענדליך איין אָרט ביין מזרח־וואנד. פונקט אזוי וויא דאָס וואָס איז פאלש און ניט לאָגיש מוז אין דער פינסטערניס דאָך ענדליך שטארבען, טראָץ דעם וואָס באלד פון אָנפאנג פערשפּרייט עס זיך מיט א אימפּעט וויא א חאָלעריע. „שמחת הנף עדי רגע" און „אמת מארץ תצמח". דיעזע זיינען רעגעלען וואָס אונזערע גרעסטע האָבען אוועק געלעגט —און עס איז אזוי!

און א אָבקלאנג האָבען מיינע ווערטער און דיא ווערק „לא תרצח" געהאט — א גרויסען אָבקלאנג. עס זיינען געוואָרען פיעלע און פיעלע בעאיינפלוסט פון דיעזע ווערקע, און עס האָט אָנגעצונדען א „נר־תמיד" וואָס וועט זיך שוין ניט פערלעשען.

דיא ווערקע „לא תרצח" האָט דערלעבט דעם זכות פערקויפט צו ווערען און איבעראנייעס גערדרוקט צו ווערען אין א גאנץ קורצע צייט — א פאל וואָס פּאסירט זעלטען אָדער ניעמאלס. דיא חסידים אָדער אנהענגער פון דיא אידעען דערין געשריעבען צעהלען זיך יעצט אין דיא טויזענדער. און דיא התפּעלות און דיא בעגייסטערונג, און דיא פריינדליכקייט און דעם גוטען ווילען וואָס דיא לעזער האָבען ערצייגט אין ביידע וועלט־טהיילען, האָט מיר איבערראַשט, און האָט מיר בעצאָהלט פאר מיין אונגעהויער גרויסער מיה, און פאר מיין פערלוסט וואָס איך האָב ערליטען דאדורך וואָס איך האָב אָבגעגעבען מיינע בעסטע יאָהרען, מיינע אלע געדאנקען, מיין גאנצע טהעטיגקייט, מיין געזונד זאָגאר, אין דער אויפגאבע דיא

ווערק צו פּערפאסען. דיעזע ווערק קאָסט מיר זעהר טהייער—נור זעהר טהייער איז מיר אָבער דיעזע ווערק.

* * *

גראדע דאָ וועל איך נעהמען די געלעגענהייט צו קאָפּירען איין בריעף פון פיעלע אנדערע עהנליכע אזעלכע וואָס איך האָב ערהאלטען פון דעם גרויסען אידישען פילאָזאָף הרה"ה ר' א. ד. דובזעוויץ, זצ"ל, וואָס ער האָט צו מיר געשריעבען א קורצע צייט קודם פּטירתו:—

יקירי — א. ה. פריינקעל.

„חמרה למריה ויטיבותא לשקייה", זאָגט אונז דיא גמרא. דאָס הייסט דאָס וויין איז טאקי דעם ווירטה'ס, נור א דאנק קומט אָבער דאָך איהם דעם וואָס סערווירט דעם וויין. אייער פּובלישער האָט מיר אייער ווערק „לא־תרצח" געגעבען, און ווען איך האָב עס געלע־זען און האָב דערפון געהאט גרויס פערגעניגען—האָב איך איהם געדאנקט; נור אייך, וועמען דאָס טהייערע וויין געהער, נעהם איך דיא געלעגענהייט א חוץ צו געבען א דאָפּעלטענעם דאנק. דיעזעס קומט אייך מיט רעכט; ווארום דער וואָס מאכט אנגענעהם דאָס וואָס עס איז נעטהיג, דער פערדיענט א דאָבעלען דאנק. און איהר, טהייערער פריינד פּערפאסער, האָט עס געטאָהן. אייער ווערק איז ניט נור בעזאָנדערס נעטהיג, זאָנדערן אויך בעזאָנדערס אינטערע־סאנט און אנגענעהם.

דער אראבער זאָגט א ווערטעל: „דער וואָס ווייס ניט, נור ער גיבט צו דאָס ער ווייס ניט, דער איז אן איינפאכער מענש — לערנט איהם; דער וואָס ווייס, און ווייס ניט דאָס ער ווייס, דער שלאָפט — וועקט איהם". דיעזע אויפגאבע שיינט צו זיין אייערע — און וויא עהרליך, אָרענטליך און וויא אנגענעהם האָט איהר דיעזע אויפ־גאבע אויסגעפיהרט".

איך גראטוליר אייך פאר דעם גליקליכען איינפאל צו פרעדיגען אזא נאָבעלע לעהרע — דיא לעהרע פון לא תרצח. ווארום איך בין זיכער דאָס איהר וועט אויפוועקען דעם געדאנקען פון פיעלע איינ־פאכע, אונשולדיגע מענשען וואָס שלאָפען נעבאך געשמאק און אין אזא צושטאנד פיהלען זיי גאָר ניט אין וואָס פאר א לאגע זיי גע־

פינען זיך. איהר וועט זיי העלפען און זיי וועלען זיך אַנהויבען פיה־רען אויף א בעסערען, ריכטיגערען ארט, און דאָס וועט פיהרען ניט נור צו זייער אייגענעם וואָהלשטאנד, זאָנדערן צו דעם פון דער אלגעמיינער מענשהייט. איך וויים, אז מיר אליין האָבען אייערע רייד דיא אויגען געעפענט. איך וואונדער זיך מעהר ניט וויא אזוי עס קומט דאָס איך האָב ביז יעצט אזא אָפענע וואהרהייט אליין ניט געזעהן? ביז איך האָב געלעזען אייערע שריפטען איז מיר גאָר ניט פאַרגעקומען אז דער מענש קען יא אויסקומען אָהן פלייש. און אָב־וואָהל איך עס נאָך יא ליידער דיעזע גרויזאמע „בר־מנן" — וויא איהר רופט עס, איז עס שוין אָבער עפּעס אנדערש וויא א מאָהל. איך ערווארט שוין יעצט מיט דער גרעסטער אונגעדולד דיא געלע־גענהייט ווען איך זאָל לויז ווערען פון דיעזער אונגליקליכער מידה. מיינע קינדער לעהרען איך שוין צו עסען וועניגער פון דיע־זער גרויזאמער שפּייז, און אין אלגעמיין טהו איך מיין בעסטעס אין זיי צו פערפלאנצען דיא מידה, דעם געפיהל דיעזע געוואָהנהייט לויז צו ווערען. איך בין יעצט איבערצייגט דאָס עס איז טאקע וויא איהר זאָגט, בלויז א געוואָהנהייט, און וועלכע אומשטענדען העלפען אונטער. אין קורץ, אזוי ווייט וויא איך וויים, האָבען אייע־רע רייד געווירקט — זיי האָבען א אָבקלאנג איבעראל אין יעדער אמת'ע הארץ. און איך בין זיכער אז זיי מוזען ענדליך ווירקען. זיי זיינען צו ריכטיג —צו אמת, צו טהייער פערלאָרען צו געהן. איך בעטראכט אייער אויפגאבע פאר דיא בעסטע, שעהנסטע רעפאָרם. און וואָס אנבעטרעפט מיין וועניגקייט, דאנק איך אייך מסתמא פון טיעפסטען הארצען. האָב אלע אייערע ווערקע געלעזען, און האָב פון זיי גרוים הנאה געהאט. עפּעס געפעלט מיר אייער וועג, אייער גאנ־צער סטיל שרייבען. דוכט זיך אזוי אָפען, אזוי דרייסט, אזוי שארף וויא איהר טרעט ארוים,און דאָך עפּעס אזוי מילד,אזוי זעהר זאנפט. אלעס ווערט בעריהרט, און ניעמאנד אָנגעריהרט. אלעס אוועק גע־שטעלט וויא עס שטעהט און געהט, פאָטאָגראפיש ריכטיג, און דאָך ציהט זיך דורך דעם א שנור פון חסד. דוכט זיך עס רעדט גאָר ארום איין טהעמא, און א דאָזען אנדערע ווערען אגב אורחא דערמאָנט, אָהנע פון דעסטוועגען ארונטער צו געהן פון וועג, און אָהנע איינס

מיט דאָס צווייטע זאָלען קומען אין בעצוג פון א קאמפף. אלעס פאסט גראדע דאָרטען וואו עס שטעהט, אלעס נעהטיג צום רומפעל. פון דער טהעמא אליין ווער וואָלט געקענט ארויסדריקען איין טראָ־פען הומאָר — דוכט זיך טרוקען וויא א מצבה, און דאָך וויא ווי־ציג, וויא שטעכעדיג, וויא בייסענד, וויא סאטיריש עס קומט עפּעס ביי אייך ארויס. און וואָס אָנבעלאנגט אייערע ארגומענטען, דאן וויים איך ווירקליך ניט ווי מען קען דאָס גאָר אָבשוואכען אין דאָס מינדעסטע. האָב בכיון פּרובירט צו זוכען דיא שוואכע זייטע, און האָב ניט געקענט געפינען איין געדאנקען, איין ארגומענט אין גאנ־צען בוך וואָס זאָל סותר זיין א צווייטען. האָב ניט געפונען איין אויסדריק וואָס זאָל הינקען אויף דער לאָגיק און וואָס זאָל ניט זיין הארמאָניש צוזאמען געזעצט — א גאָטעס גאבע בעזיצט איהר!

„יישר כוחך, פריינד פּערפאסער. לך והצלח! הלואי זאָלען אייך אלע פערשטעהן, און מיר זאָלען אין גיכען קומען צו דער געווינש־טער מדרגה צו בעגרייפען ישעה׳ס נבואה פון „לא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי כי מלאה הארץ דעה את ה׳ כמים לים מכסים“.

מכבדו ומוקירו

**א. ד. דובזעוויץ.**

* * *

מיט דער האָפנונג דאָס אויף דיעזער דריטער טהייל פון מיין ווערק וועט געפינען חן מיט לייטזעליגקייט אין דיא אויגען פון מיי־נע לעזער, פערבלייב איך, מיט גרויס רעספעקט, אייער פריינד,

**דער פערפאסער.**

## קאפיטעל 1.

„— אלס פּראַקטיציר ענדער ארצט, קען איך מיט אייך אין דעם ענין פון וועגעטאריאניזם ניט איינשטימען“, פאָהרט ארויס א גע־וויסער דאָקטאָר אין א לאנגע, געדיכט בעשריבענע מגילה: „אורזאכע, ווייל ביז יעצט האָב איך זיך נאָך ניט איבערצייגט דאָס פלייש איז ניט פּאסענד אלס שפּייז פירן מענשען. אין דער מעדיציני שער וועלט האָב איך מורא וועט איהר געפינען בלויז זעהר ווענינ אנהענגער. לויט וויא איך ווייס האָבען זיך דאָק־טוירים זעהר ווענינ איבערגעשראָקען פון אייערע רייד, און זיי ווע־לען וויא געוועהנליך וואהרשיינליך ווייטער אָנהאלטען צו ראטהען זייערע שלאפע און שוואכע פּאציענטען צו עסען פלייש — און אָפט נאָך רויהע, אום צוריק זייערע קראנקע און שוואכע געביידעס אויף צו בויען. וואָס האָט איהר געמיינט — מיר וועלען פּילייכט פער־שרייבען א קראנקען און שוואכען ער זאָל עסען לינזען אָדער בעב־לאך? פלייש איז דער איינציגער מיטעל וואָס קען צוריק א שוואכען אויף בויען — און פלייש פערשרייבען אלע וואָס פערשטייען זייער פאך, און אזוי טהו איך אויך“.

ענטפער: —

עס שטימען יעצט איין די גרעסטע אויטאָריטעטען אין דער מע־דיצינישער וועלט, דאָס פאסט אלע קראנקהייטען אין דער מענש־ליכער געביידע שטאמען כמעט אלע פון פלייש עסען. א בעוויי: דאָס אלע ליידענדע, אלע קראנקע מיט וועלכע אלע האָספּיטעלער זיינען געדיכט בעלאגערט, זיינען קיינע לינזען אָדער בעבלאך עסער, זאָנדערן דיא חברה־קדישא לייט וואָס זיינען נאָך אנאנד מקבר מתים אין זיך; און איהר רעקאָמאנדירט פלייש — אָפט נאָך רויע צו שלאפע און צו שוואכע! איז שוין א וואונדער וואָס קרקע האלט אזוי אָן אין איין שטייגען? מיינט איהר ווירקליך צו בעהויפּטען

דאָס פלייש — אָפט נאָך רויע, ווירקט בעסער אויף א שלאפען וויא א שפייז פון געבראָטענע עפעל, למשל, אָדער אפילו רייז, אנדערע קערנער און פרוכט, וועלכע זיינען אזוי זעהר לייכט צו פערדייען, און וועלכע מאכען אזא זאנפטע, אזא רוהיגע, אזא גוטע ווירקונג אויף א שוואכען ? ווייסט איהר ניט פון דעם סוד דאָס האלב־רויע ביף־סטייק וועלכע איז אזוי שווער צו פערדייען, וואָס צורייצט אזוי דיא געבליטען, וואָס בעלעסיגט אזוי דעם מאָגען, הרג'עט אוים מעהר מענשען א יאָהר וויא שווארצע פּאָקען ? און דענקט איהר ניט דאָס אזא שווערע אכילה וויא פלייש — אָפט נאָך רויע, וויא איהר רעקאָמענדירט צו אייערע פּאציענטען, איז אָפטמאָהל ניט דיא אורזאכע ווארום אייער טהייל אויף דעם בית־עולם איז אזוי גרוים?

אלע גיבען יעצט צו דאָס פלייש בעלעסטיגט דעם מאָגען, און מאכט דעם מענשען ערגערליך, אין כעס און קרענקליך ; וועהרענד פרוכט, נים און קערנער ענטהאלטען דיא נעטהיגע נאהרונגס־קראפט וואָס דיא מענשליכע געביידע פאָדערט צום עקזיסטענץ און בעלעסטיג ניט דעם מאָגען, און ווירקען זאנפט אויף די נערוועז.

אויסער דעם איז גאָר גלאט געפעהרליך פאר א שלאפען מענ־שען צו עסען פלייש. ווארום די בהמה פון וועלכע דאָס פלייש קומט איז אָפט גאָר אליין אָנגעשטעקט מיט אירגענד וועלכע א קראנק־הייט. דיעזע בהמות לײדען אויך אָפט פון אזעלכע קראנקהייטען ווי דער מענש. זיי האָבען אויך מעהר וויא אָפט קאטארה. זיי ליידען אויך אָפט פון שווינדזוכט, פון אנדערע שמערצליכע קראנקהייטען; און אויב א קראנקער מענש זאָל עסען פלייש פון אזא קרענקליכע בעשעפענים, ווערט ער גאָר אונטערוואָרפען אונטער נאָך מעהר גע־פאהר .

צו קאָרמענען א קראנקען און שוואכען מיט פלייש איז איין איינפאכע משוגעת. ווארום דער מאָגען אפילו ביי א געזונדען מענ־שען האָט שוין אויך גענוג וואָס צו טאָהן צו פערדייען אזא שווע־רע שפייז וויא פלייש, איבערהויפט נאָך ביי א קראנקען. עס נעהמט אונגעפעהר 10 מאָהל אזוי לאנג צו פערדייען פלייש וויא א שפייז פון פרוכט אָדער קערנער. עס מאכט אויך אָן אנדערע צרות אין מאָ־גען, געפעהרליך פאר א קראנקען ; און אויב עס פאסירט דאָס דיא

בהמה אָדער עוף איז גאָר אליין געווען קראנק, און אויב מען זאָל עס נאָך ניט קאָכען, וויא דאָקטוירים רעקאָמאנדירען קראנקע און שלאַ־פע זאָלען עס עסען,דאן איז דאָך דער געפאהר אָהן א שיעור גרויס. דער איינפאכסטער שכל דיקטירט דאָס פלייש פאר א קראנקען איז א אומגעלומפערטע שפייז, און אויב איהר רעקאָמענדירט עס צו אייערע שלאפע און שוואכע פאציענטען איז עס ניט דער איין פעה־לער וואָס איהר האָט שוין געמאכט. פּרובירט פון יעצט אָן אויפצו־בויען אייערע שוואכע פאציענטען אויף איידעלע פרוכט און קערנער. קיין צווייפעל איהר וועט האָבען מעהר ערפאָלג.

* * *

"— ווער קען צווייפלען אין דיא גרויסע נוצען וואָס לעבער־טראָהן ברענגט דיא יעניגע וואָס ליידען פון אויסצעהרונג ? און איז לעבערטראָהן ניט פון א לעבעדיגע בעשעפענים ?" פרעגט דער דאָקטאָר ווייטער. "און ווער קען צווייפלען דעם פאקט דאָס ביף־טהע איז ניט בעזאָנדערס גוט פיר שוואכע, און איז ביף טהע ניט דער עסענץ ארויסגעצויגען און פערפערטיגט פון דאָס בלוט פון פלייש ?"

**ענטפער** :— עס איז בעוואוסט צו אללע דאָקטוירים פון איין עק וועלט ביז צו דער צווייטער, דאָס ביז דאטע וויים מען נאָך דער־ווייליע ניט פון איין מיטעל אזעלכער וואָס זאָל קורירען דיא אונגליק־ליכע קראנקהייט — שווינדזוכט. מען האָט שוין אפילו פּרובירט מיטלען אהן א צאָהל, נור דיא מעדיצינישע וויסענשאפט טאפּט נאָך דערווייליע אלס אין דער פינסטער צו דערגעהן דעם ריכטיגען סוד וויא אזוי דיעזע גרויזאמע קראנקהייט צו היילען. דערווייליע קען מען דאָס קורירען — ניט מיט לעבערטראָהן און ניט דורך שאר־ירקות. אָבוואָהל מיט מעדיצין וואָס קומט פון פלאנצונגען, אָדער פון מי־נעראלען, קורירט מען, אָדער וועניגסטענס מען פערלינדערט, פאסט אלע קראנקהייטען. כמעט אלע צרות, אלע וועהטאָגען און קראנק־הייטען שטאמען נור פון פלייש ; און אלע מיטלען דיעזע צו קורירען געפינט מען נור אָדער אין דער מינעראלישער אָדער אין דער וועג־געטאריאנישער וועלט. ערצייגט, איך בעט אייך, איין מעדיצין וואָס ווערט היינט געמאכט פון פלייש אָדער פיש — אויסער דיא באר־

בארישע לעבערטראָהן; און דיעזע עקעלהאפטע אייל אויסער דעם דאָס עס איז אזוי שרעקליך אונאנגענעהם, מאכט עס גאָר אָן צרות פיעל און פערשיעדען אין דער מענשליכער געביידע. פעטס פון איר־גענד וועלכען זאָרט ברענגט דיא מענשליכע סיסטעמע גרויס שא־דען. עס פערדארבט ערשטענס דעם מאָגען און צווייטענס ווייס מען דאָס דיא אלע געשווירען און אויסשלעגע אויף דעם מענשענס קער־פער ענטוויקלען זיך נור פון פעטע שפייז.

אויב פעטס אָדער אייל וואָלט געקענט קורירען אָדער אפילו פערלינדערען אירגענד וועלכע א קראנקהייט, דאן דענקט איהר ניט דאָס דיא זאפט פון ניס, דיא אייל פון אָליווען, פון מאנדלען, פון קאקא־ניס, אָדער דיא פיעלע פערשיעדענע גאטונגען אייל פון קערנער, וואָלט געווען בעסער, אנגענעהמער צו נוצען פיר דיעזען צוועק, וויא דיא זאפט אָדער אייל פון א גע׳פּגר׳טען פיש וואָס איז שוין אפשר אזוי אלט וויא מיין וואש־גויע? לעגט צו קאָפּ, הערר דאָקטאָר. טהוט א מאָהל א קלעהר — טראכטעט אביסעל — עס קען דאָך נאָך אָנוואקסען מאָך, שפּין־געוועבס קען דאָך נאָך אָנוואק־סען אויף דעם גערדאנקען פון ניט קלעהרען צייטענווייס.

מען ווייס שוין יעצט ליידער צו גוט — און איהר הערר דאָק־טאָר ווייסט עס שוין אויך גוט גענוג — און אויב ניט, האָט איהר עס שוין געדארפט וויסען — דאָס לעבערטראָהן העלפט ניט, קור־רירט ניט דיא וואָס ליידען פון אויסצעהרונג. א בעוויז האָט איהר דאָס אלע ליידענדע פון שווינדזוכט ווערען אלע געקאָרמעט מיט דיעזע עקעלהאפטע לעבערטראָהן ביז זיי ווערען איינפאך דורך־געווייקט דערמיט — און דאָך פאָהרען זיי אלע נעבאך פון דעסט־וועגען אוועק אהיים — און ליידער ניט קורירט.

בכל דור ודור — כמעט אלע ווײַלע שפּרינגט ארויס איינער מיט גרויס פרישקייט און בעהויפּטעט דאָס ער האָט געפונען א מי־טעל צו קורירען אויסצעהרונג און וויא געוועהנליך לאָזט זיך מסתמא אויס דערפון א טייך. מיר גערענקען נאָך אלע וויא א געווי־סער דייטשער ארצט האָט געמאכט דיא ערפינדונג פון א געוויסע „לימפּע" מיט וועלכע ער האָט בעהויפּטעט אויף געווים שווינדזוכט צו קורירען. דיא ערפינדונג האָט דאן פאראורזאכט א שטורם. א

צימליך רעכטע צייט האָט דער דאָזיגער שטורם געהערשט. ענדליך איז געוואָרען שטיל. זייט דאן הערט מען שוין ניט מעהר — ניט פון דאָקטאָר און ניט פון זיין „לימפּע". מוזען שוין מסתמאביידע זיין טוידט.

און אין דער צייט פון יענער בהלה, האָט געמאכט דיא בעהויפּטונג נאָך א דאָקטאָר דאָס ער האָט אויך געפונען א מיטעל צו היילען אויסצעהרונג אין דיא ערשטע גראדען ביי יונגע מענשען. דיעזער מיטעל איז שוין דוקא געווען א שכל'דיגער. ער האָט בעוויעזען מיט רעיות—מיט אייזערנע פאקטען—האָט זיך געשוואָרען מיט טוידטע שבועות, דאָס אויב א יונגער מענש געגריפען מיט דיעזער שרעקליכער קראנקהייט זאָל הייראטען מוז ער קורירט ווערען. דאָס איז דער איינציגער מיטעל וואָס קען ראטעווען. דיעזע בעהויפּטונג האָט דאן פּעראורזאכט נאָך א שטורם — דעם מאָהל צווישען דיא לצני הדור. דיעזע לצים האָבען דאמאָלס געהאט וואָס צו טאָהן. דיא חברה האָבען זיך דאן געוויצעלט און האָבען געזאָגט דאָס דעם דאָקטאָר'ס ערפינדונג שטימט איין מיט דער לאָגיק. ווארום איינער וואָס קען אריבער לעבען א פערהייראטעטען לעבען, מיט א שווער און שוויגער ביי דער זייט, דער קען שוין לייכט אריבערטראָגען אלעס. מען דערצעהלט דאָס דער דאָקטאָר האָט פאר זיין „ערפינדונג" געקריגען געשמיסען פון זיין ווייב און האָט געחאפּט א הייסע פּאָרציע פון זיין שוויגער — נור דאָס איז שוין דוקא ניט אונזער עסק.

ניין, ליידער וויים מען נאָך דערוויל ניט פון איין מיטעל אזעלכער וואָס זאָל דיעזע שרעקליכע קראנקהייט קורירען — און ליידער וויים מען נאָך ניט פיעל פון מיטלען אזעלכע וואָס זאָלען אנדערע קראנקהייטען קורירען. דיא חכמה פון דאָקטאָריע איז נאָך ליידער גערינג פערוואָלקענט. דיא „ארצעניי" קונסט אָדער כירורגיע איז שוין אפילו זעהר הויך געשטיגען אין דיא לעצטע צייטען, נור וואָס אָנבעלאנגט מעדיצין און איהרע נוצען וויים מען נאָך דערפון בלויז זעהר וועניג. דאָקטוירים קענען דאך נאָך אפילו א קאטארה ניט קורירען! און דאָס איז דאך א פאקט וואָס אלע וויסען. דער ערפאהרענסטער און דער עהרליכסטער פון זיי וועט בלויז געבען מיטלען

וויא אזוי דיא סיסטעמע צו רייניגען. נאכהער פערלאָזען זיי זיך אויף דער הילפע פון דער נאטור. אָדער צו קורירען א קראנקהייט איז ניט איינער פון זיי פערמעגליך. מיט רעכט האָט א מאָהל א גרויסער דאָקטאָר און א עהרליכער מאן געזאָגט אויף זיין שטערבע בעט: „ווען איך בין געוואָרען דאָקטאָר האָב איך געמיינט איך האָב א טויזענד מיטלען צו היילען יעדער קראנקהייט; יעצט אָבער נאָך מיין לאנגע ערפאהרונג, שטארב איך און לאָז איבער טויזענדער קראנקהייטען אָהנע צו וויסען פון איין מיטעל וויא דיעזע צו קורירען".

איין יעדער עהרליכער דאָקטאָר אויב ער וועט וועלען ריידען אָפען וועט אייך זאָגען דאָס מעדיצין היילט ניעמאלס.מעגליך אפשר דאָס עס בערוהיגט אפטמאָהלס און עס טרייסט פיעלייכט מאנכעס מאָהל—אָבער היילען, ניעמאלס! „אם ה' לא ישמור עיר שוא שקד שומר"— פאלס דיא נאטור העלפט ניט אויס, וועט עס א דאָקטאָר געוויס ניט אויספיהרען.עס שטימט אויך ניט איין מיט דעם גראדען פערשטאנד דאָס מעדיצין זאָל יא קורירען. די מעדיצין מיט וועלכע מען קאָרמעט יעצט קראנקע קען אפילו א שטארק געבויטען געזונדטען מענשען קראנק מאכען אין בלויז א קורצע צייט. פרובירט איינצוגעבען אפילו א ריעז עטליכע מאָהל א טאָג לעבערטראָהן, קוועקזילבער, אייזען, מינעראלען פון פערשיעדענע זאָרטען, מאָרפין, קווינין און נאָך פערשיעדענע גאטונגען גיפט, וועלכע ווערט היינט געברויכט אלס מעדיצין — פרובירט דיעזע סם המות איינצוגעבען עטליכע מאָהל א טאָג אפילו א ליטווישען פויער און ער מוז דערפון קראנק ווערען, איבערהויפט נאָך אויב מען גיבט איין אזעלכע סם־המות צו א הילפלאָזען שוועכלינג, א קראנקען.

און איהר מעגט זאָגען וואָס איהר ווילט, דיא אלטע סיסטעמע אין מצרים ווען א דאָקטאָר האָט בלויז געקריגען בעצאָהלט דיא ערשטע 3 טעג, און נאכהער אויב דער קראנקער איז ניט געוואָרען געזונד האָט דער דאָקטאָר יעדען טאָג געמוזט צו צאָהלען ביז יענער איז געזונד געוואָרען, איז דאָך געווען א ריכטיגע. אויב דיעזע סיסטעמע וואָלט אויך היינט געווען איינגעפיהרט, וואָלטען דיא בית־עולם'ס ניט געוועזן אזוי גערדיכט פערפלאנצט; און בעלי־עגלות וואָל־

טען ניט געוועזן אזוי פריש און פרעך וויא זיי זיינען היינט — ווייל זיי וואָלטען ניט געוועזן בני־יחידים — ווייל פיעלע און פיעלע פון דיא היינטיגע דאָקטויירים וואָלטען אוועקגעוואָרפען זייערע שנייד־מעסערס און וואָלטען זיך גענומען צו וואָס זיי פּאַסען — צו דער בייטש!

* * *

און וואָס אָנבעלאַנגט אייער בעהויפּטונג וועגען ביף־טהע, מוז איך אייך זאָגען דאָס איהר זיינט נעבאך געקומען צו שפּעט. מען האָט זיך שוין לאַנג איבערצייגט דאָס ביף־טהע ברענגט דעם מענ־שען פיעל מעהר שאָדען וויא גוטעס. מיט א פּאָאר יאָהר צוריק האָט פלוצלונג אויסגעבראָכען דיא משוגעת — דיא בעטריבליכע בעטוי־שונג, דאָס ביף־טהע איז גוט פאר שוואכע און קראַנקע. דער עולם האָט זיך באלד א לאָז געטאָהן צו דיעזע גרויזאמע ביף־טהע, אָדער דאָס בלוט פון א בהמה פערפערטיג מיט פערשיעדענע מיטלען, און חברה האָבען דאָס געזופּט גיך און אָפט. האָבען זיך שטאַרק געלאָבט דערמיט, ווארום נאָך אלעמען איז דיעזע ביף־טהע ניט אונאנגענעהם צו טרינקען — געשמאַקער וויא לעבערטראָהן און לייכטער אראָב־צו שלינגען וויא מצה־שמורה. ענדליך אָבער, אין מיטען דער שמחה — דער עולם האָט נאָך געהאַלטען אין מיטען זופען, האָבען גרויסע אויטאָריטעטען בעוויעזען דאָס ביף־טהע איז גאָר געפעהרליך. דאָס עס ווירקט שרעקליך אויף דער מענשליכער געביידע. ווארום וועה־רענד עס איז טאקי אמת דאָס ביף־טהע ברענגט א גיכע ווירקונג, ווירקט אָבער דיעזע גיכע צוקאָכעניש אזוי זעהר האסטיג אויף דיא נערוועז, דאָס עס נוצט זיי אויס צו גיך און פאר דער צייט. עס ניצט דאדורך אויס דעם לעבען פון מענשען צו שנעל און עס מאכט איהם אויך צו ליידענשאפטליך. און מען האָט בעוויעזען דאָס א קינד גע־באָרען פון אזעלכע וואָס ציהען זייער חיונה פון ביף־טהע, מוז ארויסקומען אומגעלומפּערט געבויט, ניט נאטירליך און דום—א וואהרע בהמה אין געשטאלט פון א מענשען.

און אז מיר ריידען שוין פון בלוט אָדער „ביף־טהע“ — וואָס דאָס איז בלוט ארויסגעצויגען פון פרישע פלייש, וועל איך אייך דערצעהלען א מעשה וואָס איך אליין האָב א מאָהל בייגעוואָהנט—

א מעשה וואָס פאסט צום רומפעל, וואָס פאסט גראדע דאָ צו דער־צעהלען: —

ויהי היום — איין מאָהל האָט געדארפט פאסירען דאָס דיא גע־לעגענהייט זאָל מיר פערשלעפּען אין א שלאכט־הויז. קום דאָרט אריין און דערזעה די געוועהנליכע גרוילּיכע פּאָנאראמא וואָס דאָרט איז צו זעהן. ביין מזרח־וואנד פון דיעזען מזבח, זעה איך וויא עס הענגט א אָכס אויף אייזערנע קייטען מיט'ן קאָפּ אראָב, און נעבען איהם שטעהט א חברה־מאן אין גרויסע שטיוועל בעשמירט געדיכט מיט בלוט, א יארמעלקע אויפ'ן קאָפּ, אין האנד א גרויסען חלף, און ער שטעהט און ווארט מיט אונגעדולד ביז דיא בני־משחיתים דאָרטען, דיא משרתים, זאָלען שוין דעם אָכס א מאָהל קריגען אין דער ריכטיגער פּאָזיציאָן, ווען ער וועט עס פערטיג מאכען מיט איין חיטקע פון זיין גרויסען חלף.

ענדליך איז דער אָכס געבראכט געוואָרען אין דער ריכטיגער אָרדנונג און אין א מינוט שפּעטער האָט יענער מאכער מיט דער יארמעלקע אָנגעפאנגען צו קיצלען דעם אָכס מיט זיין חלף און באלד האָט אָנגעהויבען צו פליַיצען א שטראָם בלוט.

שטעה א דערשלאָגענער און בעטראכט דיא שוידערהאפטע סצענע, און דערזעה פעראיינס נאָך א גרויליכע סצענע. איך דערזעה וויא נעבען דעם פריש געקוילעטען אָכס שטעהט א יונגער מאן מיט א בלאסעם געזיכט, און אזוי שנעל וויא עס האָט אָנגעהויבען צו פליַיצען דאָס בלוט פון האלדז, שטעלט ער אונטער אויף גיך א גלאָז און צאפּט אָן דערין דיא פרישע בלוט וואָס פליַיצט פון וואונד און דאָס טרינקט ער נייגעריג, גיך און געשווינד—איין גלאָז נאָך דאָס צווייטע.

דיא סצענע האָט מיר שרעקליך צוגרוילט. בין דערפאר געוועזן נייגעריג צו דערגעהן גענויערעס וועגען דיעזע שרעקליכע און זאָנ־דערבארע בענעהמונג פון דיעזען הברה־מאן.

„איך לייד פון אויסצעהרונג“, ענטפערט מיר דער בלוטיגער פארשוין אויף מיין פראגע ווארום ער טהוט אזא גרויליכע זאך, „און א דאָקטאָר האָט מיר געהייסען טרינקען דאָס בלוט פון פריש געשלאכטעטע פיהע“.

„און וויא פיהלט איהר זיך נאָך דעם?“ פרעג איך ווייטער, ווייל איך וויים געוויס דאָס בלוט טרינקען מוז ווירקען וויא סם־המות אויף דער מענשליכער געביידע. ווארום קוים האָט עס תורת משה פערבאָטען, דאן קענט איהר שוין גאנץ געוויס זיכער זיין דאָס דער מענש דארף עס ניט געניסען.

„נעהם עס שוין איבער א וואָך און פיהל זיך פיעל בעסער וויא פריהער,“ ענטפערט מיר יענער.

דער קערל האָט מיר צוואר שרעקליך צועקעלט, נור איך בין דאָך געוועזן א בעלן צו שליסען א בעקאנטשאפט מיט איהם אום דיא זאכע געננוי נאָכצופאָרשען. האָב געוואָלט ריכטיג דערגעהן וואָס דער סוף וועט זיין פון זיין בעזאָנדערע, גרוויזאמע אונטערנעהמונג.

אין א וואָך שפעטער בין איך איהם געגאנגען בעזוכען. האָב איהם געטראָפען דעם מאָהל— ניט אין שלאכט־הויז, זאָנדערן — אין בעט, שטערבליך קראנק; און אין א פּאָאר טעג שפּעטער ווען איך בין איהם ווידער געקומען זעהן, איז ער שוין געהאט געוועזן אָבגעפּאָהרען אהיים — זיינע פריינד און בעקאנטע האָבען שוין יעצט גערעדט גוטעס אויף איהם — א זאך וואָס פּאסירט היינטי־גע צייטען זעהר זעלטען ווען איינער לעבט נאָך. ווארום וואָס פיר איין אנדער צוועק האָבען היינטיגע פריינד אויב ניט צו זיין שונאים — אויב ניט צו בערייידען? ווילט איהר האָבען א שלעכטע מיינונג פון איינעם, דאן זוכט אויף זיינע בעסטע פריינד. דיעזע חברה ווע־לען אייך שוין בעזאָרגען מיט דעם געגויסטען אלס־דאָס־בייז־רע־פּאָרט וועגען יענעם. איהר וועט הערען זאכען פון איהם וואָס ער האָט נאָך נעבאָך גאָר ניט ברעה צו טאָהן. איהר וועט קריגען א גאנ־צע ליסטע חטאים ארויסגענומען דירעקט פון „אל־חטא“. געוועהנ־ליך נעהמען דיעזע גוטע בריעדער ניעמאלס אריין א סידור אין האנד, נור ווען איהר וועט קומען פרעגען אויף זייער בעסטען פריינד, וועלן זיי ניט שפּארען דיא מיהע און וועלען ארונטערקריכען אין קעלער, און וועלען אויפזוכען דעם סידור, איהם גוט ארום פּו־לען פון דעם שווערען שטויב, און אויפזוכען דעם „אשמנו“ און ווע־לען כסדר פאר אייך פּאָרלעזען דעם גאנצען צעטעל זינד; און אלס צוגאָב וועלען זיי נאָך צולעגען א גאנצע שטיק פון „לאנג והו רחום“.

וואו עס ווערט דערמאָהנט גרויליכע חטאים, און דאָס אלעס וועלען זיי צו רעכענען אויף דעם רעכנונג פון זייער פריינד. בעהיטען זאָל־סטו אונז גאָט פון גוטע פריינד, פון שלעכטע וועלען מיר זיך שוין אליין היטען, איז א ווערטעל וואָס איז מעהר ווינשענסווערטה וויא לאָגיש.

בין יעצט געוואָרען א בעלן אויפצוזוכען דעם דאָקטאָר וואָס האָט בעהאנדעלט דעם יעצטיגען נייען צדיק — דעם נייען קדוש — דעם בעסטען מענשען וואָס האָט נאָך ווען געלעבט — דעם פער־שטאָרבענעם וואָס אלע האָבען שוין יעצט אזוי שעהן געלויבט; און פון דיעזען דאָקטאָר האָב איך געוואָלט דערגעהן דיא ווירקונג וואָס דאָס בלוט האָט געהאט אויף דעם קראנקען אין זיינע לעצטע טעג.

דיעזער דאָקטאָר האָט מיר דערצעהלט דאָס געשטאָרבען איז יענער קראנקער — ניט פון אויסצעהרונג, זאָנדערן, פון א עקעל־האפטע, שוידערהאפטע אונגליקליכע קראנקהייט וועלכע איז געווען בעזאָנדערס שרעקליך.

דאָס בלוט וואָס ער פלעגט לעצטענס טרינקען, פלעגט ניט ווע־רען פערדייעט אין זיין מאָגען — קען ניט פערדייעט ווערען, ווא־רום בלוט איז צו רייך פאר דעם מענשליכען מאָגען; און אָנשטאָט צו ברענגען נוצען, האָט זיך עס גאָר ענטוויקעלט אין ווערים. און ווען זיין געביידע אינווענינ האָט שוין איינפאך געשווייבעלט און גע־גריבעלט מיט עקעלהאפטע פאראזיטען, וועלכע האָבען שוין יעצט גענאָגט זיין בלוט צו עקזיסטירען, איז דער אונגליקליכער מיט דיא גרעסטע שמערצען געשטאָרבען.

דאָ האָט איהר, הערר דאָקטאָר, א פאקט פון טרינקען בלוט, אָדער ביף־טהע וואָס דאָס איז בלוט!

דיא תורה פערביטעט זעהר שטרענג צו עסען פעטעס און צו געניסען בלוט — „חקת עולם לדרתכם בכל משבתיכם כל חלב וכל דם לא תאכלו“ — א געזעץ אויף אייביג, פיר אלע נאָכקומענ־דע דורות, וואו איהר וועט זיך בעזעצען: — איהר זאָלט ניט עסען אירגענד וועלכע פעטס אָדער אירגענד וועלכע בלוט; און וויא גע־וועהנליך האָט מסתמא דיא תורה גערעכט!

## קאפיטעל 2.

„—ווי וועט דער וועגעטעריאנער טאָהן מיט א זייגעדיג קינד?“ פרעגט ווייטער דער דאָקטאָר. „וועט ער עס פילייכט קאָרמענען אויף רעטאך און זויער־קרויט אָנשטאָט מוטער־מילך?“ און איז ניט מוטער־מילך איין ארטיקעל וואָס קומט פון א לעבעדיגע מא־מע?“.

ענטפער:— א בריליאנטענע פראגע! און כאטיריש — א שרעק, וויא כאטיריש! איהר זעהט כאָטש וויא שטעכעדיג די ווער־טער זיינען? וועט דער וועגעטעריאנער קאָרמענען א זייגלינג מיט זויער־קרויט און רעטאך? האָב שטארק מורא אויב דער דאָקטאָר מיינט דאָ ניט אָפט מאָהל א ביסעל אָבצוויעקען—א קשיא אויף א מעשה!

געוויס מיין איך צו קאָרמענען א נייגעבאָרענעם קינד מיט רע־טאך און זויער־קרויט — וויא דען האָט איהר געמיינט? אזוי שנעל וויא ביי מיר ווערט געבאָרען א קינד, חאפ איך זיך מכתמא באלד ארויס אין מצרים סטריט און האנדעל איין א פּאָאר פעסלאך זוי־ערע אוגערקעס, א גרויסע בארעל זויער־קרויט; האנדעל אויך איין פעראיינס א וואָגען רעטאך, ציבעלעס ושאר ירקות; און מיט א קאָך לעפעל פענג איך מכתמא באלד אָן צו שטופען אין קינדס מויל זויער־קרויט מיט רעטאך און שטופּ דאָס אלעס אראָפּ מיט א וואלגערהאָלץ און באָמבארדיר אין קינד אזוי לאנג אויף אזא ארט, ביז עס ווערט פול אָנגעפּאקט און זאט. וויא דען האָט איהר געמיינט איז זיך א וועגעטעריאנער נוהג מיט א זייגעדיג קינד? איהר מוזט אפשר מיינען אז א וועגעטעריאנער קאָרמעט זיינס א נייגעבאָרען קינד מיט געשמארטע לעבער און מיט געפּרעגעלטע כטינקעס — א קשיא אויף אייך!

וועז, מיין הערר, האָב איך אין מיינע שריפטען גערעדט געגען דעם געגוס פון נאטירליכע שפּייז? בין דאגעגען אוננאטירליכע שפּייז — אזעלכע וויא פלייש, פיש, אייער און מילך — מילך וואָס קומט פון א שטיף־מאמע פון איין אנדער בעשעפעניש; אָבער ניט געגען מוטערס מילך וואָס דאָס איז נאטירליכע נאהרונג. בין דאגע־גען „שטיף־מוטער מילך“, ווייל עס גיבט ביי מיר קיין צווייפעל

דאָס אויב א הירשעלע זאָל זויגען דאָס מילך פון א חזיר, דאן מוז דיעזע איידעלע בעשעפענים דאדורך ערווערבען די אייגענשאפטען פון א חזיר און מוז זיך ענדליך ענטוויקלען א חזיר אין געשטאלט פון א הירש—און דערפאר, האָב איך געזאָגט, טרעפען מיר אָפט אזוי פיעל בהמות צווישען מענשען, ווייל זיי טרינקען זייער מילך. איך האָב אָבער ניע גערערט געגען דעם געגנוס פון מוטער מילך צו וועל־כע א זייגלינג איז בערעכטיגט אוים דער נאטור.

און אז שעפסעלאך, קעלבעלאך, ציגעלאך, הירשעלאך, און אנ־דערע מילדע בעשעפעניסע זויגען יא מוטער־מילך און ווערען באלד ניט געקאָרמעט מיט רעטאך און זויער־קרויט, איז דען דערפאר גע־דרונגען דאָס דיעזע דארפען נאכהער עסען געפרעגעלטע מארך, האלב רויע ביף־סטייק, געשמארטע לעבער און געפילטע פיש; און מוזען זיך נאכהער קורירען מיט לעבער־טראָהן און זיך קוויקען מיט ביף־טהע?

דיא שפין־געוועבס — א קלאָג נאָך דיא שפין געוועבס! ווער ווייסט וואָס פאר א געדיכטע באָרד שפין־וועבס עס וועט נאָך אָנ־וואכסען אויף דעם געדאנקען פון ניט קלעהרען?

* * *

„—עס איז גוט בעוואוסט דאָס דיא „עסקימאָזען“ וועלכע לע־בען אונאויסנעהמליך אויף טהירישע שפייז, האָבען ווענינער קראנק־הייט און לעבען לענגער וויא אירגענד איין אנדער פאָלק“, פאָהרט ווייטער דער דאָקטאָר און פרעגט. „אָדער נעהמט דעם אמעריקא־נער אינדיאנער וואָס לעבט נור אויף לעבעדיגע זאכען. געפינט מיר א נאָבעלערען, שעהנערען, קרעפטיגערען מענשען וויא איין אינדי־אנער“.

ענטפער:— דיעזע בעהויפטונג איז א שטיק נייעס פאר מיר. פראָפעסאָר „לאָרענס“ — א גוט־בעוואוסטער נאטור־פאָרשער און גרויסער רייזענדער, האָט אפילו אליין פלייש יא גענעסען; נור ער גיבט פון דעסטוועגען צו דאָס די אורזאכע ווארום די לאפלאנדער, דיא טאנגוזען, דיא סאמאידען, דיא „עסקימאָסען“ און דיא אלע איינוואָהנער פון דיא ניט ציוויליזירטע געגענדען — דאָס דיא אור־זאכע ווארום דיעזע אלע זיינען אזוי קליין אין געוואוכס, אזוי אומ־

געלומפּערט אין אויסזעהן, אזוי דום און אידיאָטיש, איז נור דער־פּאר ווייל זייער הויפּט עסען בעשטייט אויס פלייש און הויפּטזעכליך פיש. דיא איינוואָהנער פון דיא „אינדעמען" אינזלען וועלכע ליגען נעבען דעם פּאסיפיק מעער, שרייבט דאָקטאָר „לאמב" — אויך א גרויסער נאטור־פאָרשער, אקערן און זייען ניט צומאָהל. זייער גאנ־צע היונה ציהען זיי נור פון פיש. עס איז שוידערהאפט אויף דיעזע לייט א קוק צו טאָהן. זיי וואכסען ניט העכער וויא 5 פוס. זייערע פיס זיינען געוועהנליך דין און אָפט צודרעהט. א גרויסער טהייל פון זיי זיינען קריפּעלס און אידיאָטען. זיי שטעהען אזוי ניעדעריג אין יעדער בעציהונג דאָס מען קען זיי קוים אָנרופען מענשען.

דיא „עסקימאָסען", וועלכע דער דאָקטאָר לויבט אָב אזוי שעהן, זיינען א ראסע וואָס בעוואָהנען דיא נאָרד־מעריב זייט פון נאָרד אמעריקא. זייער אָבשטאמונג איז ניט גענוי בעוואוסט. זיי אליין האָבען יחוס־בריעף דאָס זיי שטאמען פון דיא טארטארען. וועגען זייער שטאנד אין סיוויליזאציאָן, איז גאָר לעבערליך אז מען זאָל ריידען. זיי זיינען אין אלגעמיין א מיאוסע, עקעלהאפטע ראסע און עכטע בארבארען. וואָס דער דאָקטאָר האָט אין דיעזע חברה דערזעהן זיי פאָרצושטעלען אלס בילד און מוסטער פון דער מענשליכער משפחה, וועט שוין מסתמא אויף אייביג פערבלייבען א פינסטערע געהיימניס. מען דארף האָבען א געשמאק געבויט פון צוטרין־זאלץ אויסצוקלייבען אזא שמוציגע געזינדעל, אזא עקעלהאפטע ראסע און זיי נאָך לויבען אין איין ארגומענט, ווי דער דאָקטאָר טהוט יעצט.

און וואָס אָנבעלאנגט דעם אמעריקאנער אינדיאנער וועלכען דער דאָקטאָר שטעלט אויף פאָר אלס מוסטער, מוז איך זאָגען, דאָס אויב איך וואָלט ניט געהאט א בעסערען געפיהל וויא זיך צו פער־ליעבען אין אזא חיה, וואָלט איך אזא געפיהל אָדער געשמאק פער־זעצט—וואָלט אריין אין דיא ערשטע, בעסטע „פּאון־שאפּ" און וואָלט געצויגען דערויף וויא פיעל מזומן יענער מאכער וואָלט דערויף געוואָלט לייהען, און נאכהער וואָלט איך עס שוין מעהר ניט אויסגעלייזט — וואָלט זיך געמאכט ניט וויסענדיג און וואָלט עס געלאָזען פערפאלען געהן — און א סוף! דאָס וואָלט איך געהאט

געטאָהן — וואָלט זיך ניט געהאט ארומגעטראָגען א שטונדע מיט אזא אונגליקליכען געפיהל אָדער געשמאק, און דאָס וואָלט איך אויך ראטהען דעם דאָקטאָר צו טאָהן.

אויב איהר האָט ניט א בעסערען עקזאמפעל, עפּעס א שעה־נערען פּאָרבילד, פּאָרצושטעלען, וויא נור דיעזע שווארץ־חן'עווּדיגע, שווארץ־הערציגע באנדיטען — דיא אמעריקאנער אינדיאנער, דאן האָט איהר אייער „קיים“ פערשפּיעלט. קענט מעהר אין אייער ארגומענט ניט געווינען. ווארום איהר רעדט, זאָלט איהר מיר מוחל זיין, וויא א וואש־גויע—וויא א ווארטס־פּרוי טהוט איהר טאָהן זאָגען אייערע ווערטער. איהר רעדט גלאט אזוי אין דער וועלט אריין —אָהן איבערלייגונג, אָהן ערפאהרונג, אָהן לאָגיק, אָהן אור־זאכע, גלאט אזוי אבי גערעדט. אויב איך וואָלט אויך געקענט אזוי פיעל פּלאפּלען און ניט וויסען וואָס איך רייד, וואָלט איך שוין בעסער געוואָרען א מגיד — א לאָרזשען ברודער וואָלט איך שוין בעסער געוואָרען, און וואָלט ארומגעגאנגען צווישען שונאים און וואָלט באָמבארדירט רעכטס און לינקס און וואָלט זיי אזוי פער־גלושעט דיא קעפּ, ביז איך וואָלט זיי פערטיליגט.

הערט,רבתי, און שטוינט ווענן מען שטעלט דאָ פּאָר אלס פּאָר־בילד פון פלייש עסער — איין ווילדען אינדיאנער! אם מייסטען זיינען שוין דיעזע ווילדע ברואים, דיעזע רויטע באנדיטען, טויט, אָדער אזוי גוט וויא טוידט. זיינען צימליך גוט פערקניפּעלט און פערצוימט אין פלעצער וואו זיי קענען שוין ניט מעהר אָבטאָהן זייערע שעהנע שטיקלאך, וויא זיי פלעגען אָבטאָהן אזוי אָפט. און אויב עס האָט נאָך ווער אויף דער וועלט א מאָהל פערדינט אזא פינסטערע ענדע וויא דיעזע באנדיטען האָבען געהאט, האָבען עס פערדיענט דיא רויט־הויטיגע, שווארץ־הארציגע גזלנים. עס גיבען נאָך מאנכע אידיאָטען וואָס בעדויערן און בעוויינען דעם סוף פון דיעזע לייט, נור זיי מוזען וואהרשיינליך ניט זיין בעקאנט מיט דיא נאָבעלע טהאטען פון דיעזע זמזומים—פון דיעזע מערדער.

דיעזע צדיקים — דיעזע שעהנע פּארשוינען אין וועלכע דער דאָקטאָר האָט זיך אזוי פערליעבט און וועלכע ער שטעלט פּאָר אלס מוסטער אין זיין ארגומענט, פלעגען אָפּט פערברענגען זייערע איב־

ריגע צייט אין פלוצלונג בעפאלען א דאָרף, מיט דיא איינוואָהנער פון וועלכע דיעזע חברה פלעגען דוכט זיך לעבען גאנץ פרידליך; און פלעגען די .איינוואָהנער אלע ביז איינעם אויסמאָרדען. דיא טאטעס און מאמעס פלעגען דיעזע באנדיטען צובינדען צו בוימער, און פאר זיי אין דיא אויגען פלעגען זיי בויען א מין מזבח און פלעגען דערויף פערברענען לעבעדיגערהייד אלע קינדער וואָס זיי האָבען געפונען.

נעכסט אויף דער פראָגראמע פלעגען קומען דיא פרויען. קיין פייניגונג איז ניט געווען גענוג צופריעדען צו שטעלען דיעזע מערדער. נאכהער פלעגט מען זיי אָנצינדען און פערברענען. נור דאָס איז שוין געווען דיא קלענסטע פייניגונג פון דיעזע מאמעס אין פערגלייך צו דעם גרויסען צער וואָס זיי זיינען דורך געגאנגען ווען זיי האָבען געזעהן וויא מען פלאגט און וויא מען פערברענט זייערע קינדער.

נעכסטענס פלעגען זיך דיעזע גזלנים נעהמען צו דיא מענער. דיעזע פלעגען גרויזאם ערמאָרדעט ווערען. מען פלעגט פריהער פאר אלעם ארונטער רייסען זייערע שיידלען פון קאָפּ פאר דיא האָר — א פערגעניגענד אין וועלכע דיא שמוציגע אינדיאנער פלעגען אָפט פערברענגען זייער צייט. נאכהער פלעגט מען דיעזע אונגליקליכע צו פיערטלען, צושניידען אין שטיקלאך.

און דאָס האָט פאסירט מעהר וויא איין מאָהל; און דאָס האָט פאסירט ניט מיט פינף טויזענד יאָהר צוריק, זאָנדערן אין דעם לעצטען יאהר־הונדערט; און דאָס זיינען קיין אויסגעטראכטע בבא־מעשיות, זאָנדערן שטרענג ריכטיגע פאקטען — היסטאָריש בעשריבען.

ענדליך קומט דער דאָקטאָר און שטעלט נאָך זיי יאהרצייט— איז זיי „מזכיר נשמות“ און בעווייזט בעשיינפערליך אז קיין שעהנערער, נאָבעלערער און געזונדטערער מענש וויא אזא אינדיאנער איז גאָר ניטאָ — א זיסער געשמאק, איך האָב פיינד צו זאָגען!

איך זעה ניט ווארום דער דאָקטאָר האָט שוין פעראיינס ניט פאָרגעשטעלט אלס פאָרבילד פון שטארקייט און קראפט דיא „קישענעווער“ קאצאפּעס וועלכע האָבען זיך אזוי שעהן אויסגעצייי־

כענט מיט זייער האנדלונג געגען דיא אידען אין דעם חורבן וואָס זיי האָבען אָנגעמאכט אחרון של פסח 1903, און וועלכער האָט כמעט קיין גלייכען אין דער וועלט'ס היסטאָריע. אויך דיעזע גזלנים, דיעזע שמוציגע קאצאפעס האָבען דער וועלט געצייגט דאָס זיי זיינען שטארק און קרעפטיג און געזונד — פיעל שטארקער און קרעפטיגער און געזינדטער וויא יענע דערשלאָגענע נעביך וועלכע זיי האָבען אזוי ברוטאליש געשענדעט און ערמאָרדעט. און פאר וואָס אלזאָ האָט שוין דער דאָקטאָר פאראיינס דיעזע חברה ניט פאָרגעשטעלט אלס מוסטער פון פלייש עסער ?

איך וויים ניט אויב מען קען אָנרופען א מענשען „געזונד" ווען זיין פערשטאנד איז צודרעהט און זיין הארץ איז שווארץ. ברוטאלי־שע קראפט בעזיצט אפילו צוואר יא דער אינדיאנער, נור איך זעה ניט וואצו מען בעדארף אזא קראפט—אויסער צו קענען טרינקען שארפע שנאפס און נאכהער געהן און אָבטאָהן אלעס אין דער וועלט וואָס איז ניט פאסיג. טיגערס, לעמפערטען אָדער וועלף זיינען אויך משונה קרעפטיג. אויב דער דאָקטאָר זוכט צו בעווייזען אז פון פלייש ווערט מען זעהר קרעפטיג,האָט ער בעסער דיזע געשליפענע אדעל לייט — דיעזע פערצוקענדע טהיערע, געדארפט דערמאָהנען און פאָרשטעלען אלס מוסטער. דיעזע בעזיצען דיזעלבע ווילדע קראפט וויא אינדיאנער,נור דיזע קראפט נוצט אָבער צו קיין אנדער זאך וויא נור צו פערצוקען, צו פערניכטען. זאָנסט האָט עס אבזאָ־לוט קיין ווערדע. האָט איהר שוין ווען יעמאנד געזעהן דאָס א טיגער זאָל דעם מענשען מיטהעלפען מיט זיין קראפט אין דער ארבייט, וויא עס טהוט געוועהנליך איין איידעלע בעשעפענים וואָס עסט קיין פלייש ?

איבערהויפט איז גאָר דיעזעס וואָס דער דאָקטאָר רופט אָן געזונד און קראפט אין אינדיאנער גאָר ווילדקייט. ווארום קראפט און געזונד בעזיצען אָכסען און פערד וואָס לעבען נור אויף צמחים, גראדע אזוי פיעל וויא טיגערס און לעמפערטען. נור זייער געלאסענהייט מאכט דיעזע פאר ניט געפעהרליך. א בעוויז קענט איהר נעהמען פון דעם עלעפאנט נאכהער וויא ער איז שוין ניט מעהר ווילד. דיעזער סוחר וואָס לעבט נור אויף געוויכסע, קען אין

זיין ווילדען צושטאנד דער'הרגע'נען א לייב מיט איין קלאפּ פון זיין נאָז. קוים אָבער ווערט ער איינגעצוימט און אָבגעוואָהנט פון זיין ווילדקייט,ווערט ער גלאסען און מילד און הערט אויף געפעהר־ליך צו זיין. דיעזע מידה האָבען אָבער ניט דיא פלייש־פרעסענדע חיות וועלכע פערבלייבען געפעהרליך און ווילד ביז טוידט. אזא מין ווילדקייט אָדער גלאסענהייט הערשט אויך צווישען מענשען; און דאָס איז דיא אורזאכע וואָס מאכט דעם אינדיאנער שטארקער וויא דעם גלאסענעם ווייסען — ווייל יענער איז מעהר ווילד. אָבער זאָנסט איז דער אינדיאנער ניט שטארקער, געזונדטער, נאָבעלער אלס דער ווייסער, וויא דער דאָקטאָר וויל עס האָבען.

## קאפּיטעל 3.

דער דאָקטאָר פאָהרט ווייטער און באָמבארדירט מיט נאָך א פראגע :—

„—נעהמט און פערגלייכט דיא מאָרגענלענדער וואָס לעבען נור אויף תבואה מיט אירגענד וועלכע א פלייש עסענדע ראסע. נעהמט א צוקראָכענעם אָריענטאל און פערגלייכט איהם מיט א ביף־עסענדען ענגלענדער. מיט איין בלאָז קען ער יענעם פעריאָגען נאָך תרשיש. וויא קליין, וויא שוואך, וויא ניעדעריג אין פערשטאנד זיינען יענע לייט פון דער מזרח זייט.

ענטפער :— דער דאָקטאָר שעפּט דיעזע בעהויפּטונגען פון א מערקווירדיגע קוועלע — א קוועלע גענצליך אונבעוואוסט. קיין אנדערער אויסער דער דאָקטאָר וויים ניט דערפון. האָב שטארק מורא אויב עס איז אָפּט מאָל ניט „אייגענע געדאנקען“. עפּעס שיינט דיעזע נייע טהעאָריע ארויסצוקריכען פון זיין ארבעל — א בויך סברה, רחמנא לצלן.

כמעט אריבער א העלפט פון דער מענשליכע משפחה — מילי־אָנען און מיליאָנען מאָרגענלענדער; אין אלע טהיילען פון אינדיא, יאווא, חינא, יאפאן; כמעט אין אלע ווינקלען אין אָריענט ווערט פלייש אָדער גאָר ניט גענעסען, אָדער בלויז זעהר ווענינ. זייער הויפּט עסען דאָרט בעשטעהט אויס תבואה און פרוכט; און פון דעסטוועגען ווער וועט וואגען צו מאכען דיא בעהויפּטונג אז יענע

מענשען שטעהען ניעדעריגער אין געזונד, אָדער אין פערשטאנד? עס איז אמת אז דיא סיוויליזאציאָן האָט נאָך אין יענע ערטער קיין פעסטגעזעצטען פונדאמענט, נור דאָס זעלבע קען מען אָבער אויך זאָגען אויף דיא קליינע שטעדלאך אין רוסלאנד וועלכע ליגען בלויז א דאָזען שפּרונג פון פּאריז אָדער בערלין, וועלכע זיינען כלומרשט דיא הויפּטזיצע פון סיוויליזאציאָן. פון דעסטוועגען קען מען אויף די איינוואָהנער פון יענע קליינע שטעדלאך ניט זאָגען דאָס זיי שטעהען ניעדעריג אין פערשטאנד. מעגליך אפשר איז זייער פערשטאנד ניט ענטוויקעלט, זיי האָבען קיין בילדונג גענאָסען און זיי זיינען פּי־לייכט ניט געלעהרענט. פּרובירט אָבער דעם פערשטאנד פון דיעזע לייטע צו קולטיווירען און זיי וועלען זיך ענטוויקלען צו זיין אזוי שארף־זיניג און פערשטענדיג וויא דיא וואָס גענויסען א קלאסישע ערציהונג. א בעוויייז האָט איהר דאָס קוים האָט איינגעבראָכען דיא סיוויליזאציאָן אין יאפּאן, האָט זיך דיעזע מדינה ענטוויקעלט אין בלויז א קורצע צייט, ביז זיא איז געוואָרען איינע פון דיא גרעסטע מעכטע אין דער וועלט.

שוואך זיינען דיא דאָרטיגע מענשען אויך ניט — ניט טהע־טיג פיללייכט, אָבער ניט שוואך. דיא אורזאכע ווארום זיי זיינען ניט טהעטיג איז ווייל דער קלימאט וואָס איז דאָרטען אזוי ווארים, לאָזט זיי ניט זיין טהעטיג.איהר געפינט דעם זעלבען צושטאנד אויך אין פיעלע ערטער אין דיעזער לאנד. געהט אריין טיעף אין דער סויטה און איהר וועט ערשטוינט ווערען צו זעהן וויא ניט טהעטיג און פויל דיא לייטע דאָרטען זיינען.

וואָס אָנבעלאנגט דיא שלעכטע קראנקהייטען וואָס קומען פון דאָרטען איז אויך נור שולדיג דער קלימאט. איהר געפינט דעם זעל־בען צושטאנד אויך אין דיא ווארימע געגענדען פון דיעזער לאנד. געלע פיבער קומט נור פון דיא געגענדען וואו עס איז ווארעם; און ביז דיא רעגירונג וועט ניט אָבשאפען דיא גרויסע זומפּען, קען מען אלע יאָהר איין עפּידעמיע ערווארטען.

צו מאכען דיא בעהויפּטונג אז דער עסען פון דיא דאָרטיגע מענשען וועלכעס בעשטעהט אויס תבואה מיט פרוכט איז פעראנט־וואָרטליך פאר דעם צושטאנד וואָס רעגיערט אין אָריענט איז בע־

זאַנדערס לעבערליך. טויזענדער יאָהרען זיינען יענע לענדער געווען רעגיערט פון געצענדינעריי, פון פאנאטיזם און דאָס האָט זיי דער־שלאָגען.

* * *

דער דאָקטאָר פערקירצט דיא יאָהרען מיט נאָך א פראגע—מיט נאָך א כלומרשט'דיגען ארגומענט, וועלכער איז אפילו צו גרויזאם צו קאָפירען, נור ווייל ער איז ניט איינער וואָס האָט געמאכט דיעזע בעהויפטונג וועל איך דערויף ענטפערן:—

„—דער נאטירליכער געזעץ פאָרדערט דאָס איינער א צווייטען זאָל פערניכטען. איין זאך זאָל דיא צווייטע צערשטערען. נור דאן קען דיא וועלט עקסיסטירען", איז דיא אונערבארימליכע טענה פון דאָקטאָר.

ענטפער:— עס איז א חרפה—א שאנדע פאר איין אינטע־ליגענטען מענשען זיך אויסצודריקען אויף אזא ניעדעריגען ארט. צו מאכען אזא בעהויפטונג דארף איינער אָדער ניט וויסען וואָס ער רעדט, אָדער ער איז אונערבארעמליך און האָט ניט א פונק פון יושר אין זיין ברוסט. ביי שפינען זאָגט מען, רעגיערט אזא אָרדנונג. ביי דיעזע גיפטיגע ברואים דערצעהלט מען, פאסירט דאָס ווען מען פערפאקט א צוואנציג פון זיי אין א פלאש, און מען באזאָרגט זיי ניט מיט עסען, פאנגט זיך באלד אָן צווישען זיי א ביטערע מלחמה; און איינס א צווייטע גרייפט אָן, ביז ענדליך עס פערבלייבט בלויז איין איינציגער אָבגעפרעסענער שפין. די אלע אנדערע ווערען דער־הרג'ט און אויפגעפרעסען פון אייננאנדער. דער דאָקטאָר האָט זעהר ווייניג רעספעקט פאר דער מענשליכער משפחה און פאר זיך אליין אויב ער דענקט דאָס מענשען דארפען זיך אויך אזוי פיהרען וויא דיא שפינען.

דער נאטירליכער געזעץ פאָדערט ניט פון מענשען דאָס ער זאָל א צווייטע בעשעפעניש פערניכטען אום אליין צו עקזעסטירען. עס גיבען מאנכע מערדער און גזלנים וואָס פאָלגען נאָך דיא שפאָנגעל־נייע סיסטעמע פון דאָקטאָר, דיעזע אָבער בילדען אין דער מענש־ליכער משפחה בלויז איין אויסנאהם. זאָנסט איז עס דעם מענשען אבזאָלוט ניט נעטהיג, ווארום ערשטענס בעזאָרגט איהם די נא־

טור מיט גענוג פלאַנצונגען און פרוכט; צווייטענס איז גאָר דער מענש אוים דער נאַטור אַן אדעלמאַן — בעשאפען „בצלמו בצלם אלהים“, מיט אַ געפיהל וואָס איז אַ נאָהענטער קרוב מיט יענעם גרויסען „אחד“, און מיט אזא געפיהל קען גאָר דער מענש אינס־טינקט מעסיג ניט אויספיהרען יענע קלאָגעדיגע סיסטעמע פון דאָק־טאָר. מיט דעם כאַראַקטער וואָס גאָט האָט פערפלאַנצט אין דער מענשליכער ברוסט בענקט גאָר דער מענש אינערליך נאָך דאָס איי־דעלע, און דאָס שעהנע און דאָס שטילע אין דער נאַטור. ער זוכט אינסטינקט מעסיג נור יושר, גערעכטיגקייט, רחמנות. מיט דעם גע־פיהל וואָס דער מענש בעזיצט וואָלט ער זיך ניע ערלויבט צו מאַכען אַ לעבען „משוד עניים ומאנקת אביונים“—פון מאָרד און פון וועהטאָג און פון יענעם'ס לעבען. עס זיינען נור אומשטענדען וואָס זיינען פעראַנטוואָרטליך ווארום דער מענש טרעט אזוי אָפט אָב פון ריכטיגען וועג. דעם מענשען וואָלט גאָר אויף געגרווילט דער געדאַנ־קען אויפצועסען דעם לעבער, למשל, פון אַ מיטבעשעפענים. דאַרף אָבער פּאַסירען דאָס עס ברעכט אויס אַ גרויסער הונגער, למשל, אָדער ער ווערט פערוואָגעלט אין דער ווילדערניס און ווערט הילפ־לאָז; אָדער וויא דיא תורה געהט נאָך ווייטער און זאָגט „דאָס ווען עס ווערט ברייטליך אויפ'ן הארצען און מען ווערט פעט און מען הויבט אָן צו בריקען, און דיא „תאוה“ לאָזט זיך פערנאַנדער און פאַנגט אָן צו פּאָדערען זאכען וועלכע נור אַ צולאָזענער צושטאַנד קען זיך ערלויבען. אונטער אזעלכע אומשטענדען טהוט דער מענש אָב זאכען וואָס וואָלט איהם געגרווילט אויב ער וואָלט עס זיך ער־לויבט אין אַ נאָרמאַלישען, רוהיגען צושטאַנד. און דאָס מערקוויר־דיגסטע דערביי איז דאָס אין אזעלכע פעלע זיינען אזעלכע גרוילִיכע טהאַטען ערלויבט אפילו ביי דער תורה — וויא דער פאַקט פון „כי תצא למלחמה על איביך“ צייגט, ווען דיא תורה ערלויבט צו נעהמען אין פעלען איין „אשת יפת תאר“ און אונטער פערשיעדענע בעדינ־גונגען איהר צו נעהמען פאַר אַ פרוי, מעג זיא האָבען אפילו געווען אַן „אשת איש“ — און וויא שטרענג דיא תורה איז אין דער פראַגע פון איין אשת איש! מיט סקילה איז אזא פאַל שטראַפבאַר. דאָך אין דער צייט פון מלחמה איז עס ערלויבט. אורזאַכע, ווייל „אין

מלחמה און אין ליעבע איז אלעס ערלויבט", זאָגט זיך אָב דער פּראָס־
טער עולם א ווערטעל; און דיא תורה וויס גאנץ גוט דאָס אין
אזא פאל איז עס אונמעגליך איינצוצוימען דיא ליידענשאַפט פון
א פּראָסטען חברה מאן. ער וועט ניט פאָלגען און וועט נאָך ווערען
פּרעך אויך און הפקר אויך און וועט עס טאָהן אָהן ערלויבנים —
און דאן וועט שוין דער קערל פערקריכען נאָך אלדע שווארצע יאָהר.
ווארום קוים ווערט איינער הפקר דאן ווערט ער געפעהרליך. איז
דערפאר גלייכער דאָס מען זאָל שוין בעסער נאָכגעבען אזא זאך,
אונטער געוויסע בעדינגונגען; און דער גרענעץ פערצוימט איהם
נאכהער דיא וועג ער זאָל ניט ארויסשפּרינגען פון דיא האלאבלעס
אין גאנצען און זאָל אין אזא פאל ווערען פּרעך און הפקר.

שטעלט זיך פאָר! די זעלבע תורה וואָס פּרעדיגט רייניטליכקייט
אָהן אויפהער; און זאָגט אָן נאָך א מאָהל און נאָך א מאָהל דאָס
מען זאָל זיך ניט וואגען צו פערשמוצען דיא זעעלע מיט עסען אונ־
ריינע בעשעפעניסע — די זעלבע תורה וואָס פערהאנדעלט דיא
פראגע פון ריינע שפּייז אזוי ברייטליך און אזוי שטרענג און אזוי
וויסענשאפטליך דאָס עס איז דער וואונדער פון דיא גרעסטע פי־
לאָזאָפען אין דער היינטיגער געלעהרטער וועלט — דיזעלבע תורה
קומט ארויס אויף איין אָרט און „ערלויבט" צו עסען אזעלכע גרוי־
ליכע בעשעפעניסע וויא „הארבה למינהו ואת הסלעם למינהו ואת
החרגל למניהו ואת החגב למניהו!"

איך בין זיכער דאָס עס וועט זיך ניט געפינען איינער צווישען
א מיליאָן אידען וואָס וועט עסען אזעלכע זאכען. נור דיא תורה
מיינט אָבער אויך ניט דאָס דער מענש זאָל דיזע העסליכע זאכען
עסען. עס ווערט נור בלויז ערלויבט אונטער שטרענגע אומשטענ־
דען און עס פערזאָרגט פאר א צופאל. עס קען א מאָהל פאסירען
דאָס איינער ווערט פערפאלען אין דער ווילדערנים. ער געהט אויס
פון הונגער און קען קיין זאך געפינען צו עסען אויסער דיזע בע־
שעפעניסע; און דיא תורה ביי וועלכע דער לעבען פון מענשען איז
טהייער, ערלויבט איהם אונטער דיא אומשטענדען, אין זיין הילפ־
לאָזען צושטאנד, דיזע בעשעפענים יא צו געניסען. אורזאכע, ווייל
דיא תורה וויס, דאָס וועהרענד דיזע בעשעפעניסע זיינען העסליך,

בעזיצען זיי אָבער ניט גיפט אזעלכע וואָס זאָל דעם מענשען שאדען. שרצים און פערשיעדענע פייגלאָך דאגעגען ערלויבט איהם שוין אָבער ניט דיא תורה אום קיין פאל—ער מעג אפילו אויסגעהן פון הונגער. ווארום דיעזע בעזיצען יא גיפט וואָס קען דעם מענשען ברענגען גרויס שאדען; און עס איז דערפאר פיעל גלייכער דאָס ער זאָל זיין שטארק אין כאראקטער און בעסער אויסגעהן פון הונגער, וויא צו פערשמוצען זיין זעעלע און זיין קערפּער און עסען אזעלכע גיפטיגע ברואים וואָס וועלען זיכער פון זיין געזונד און פון זיין כא־ראקטער מאכען א תל.

אומשטענדען זייגען פאר פיעלעס פאראנטוואָרטליך. הונגער, תאוה, אנדערע אורזאכען, האָבען געצוואונגען דעם מענשען ער זאָל זיך ערלויבען פריהער צו מערדערן און נאכהער צו עסען דאָס פלייש פון זיין קרבן * אין א רוהיגען צושטאנד אָבער, ווען עס איז ניט נעטהיג צו בעגעהן אזא פערברעכען, איז עס בעזאָנדערס אומ־געלומפּערט צו בעהויפּטען דאָס דער מענש דארף פערניכטען אנדע־רע בעשעפעניסע אום אליין צו עקזיסטירען. אין רוהיגע אומשטענ־דען צו מערדערען אונטער דער פּרעטענזיע דאָס עס איז נעטהיג צום עקזיסטענץ, איז א פערברעכען. עס איז א פערברעכען פאר וועלכען איהר געפינט קיין פערטהיידיגונג — ניט אין דער נאטור׳ס הארמאָנישער פיהרונג — ניט אין דיא הייליגע שריפטען — און

* און דאָס וואָס די תורה מיינט ווען זיא זאָגט „וינחם ה׳ כי עשה את האדם“ און „נחמתי כי עשיתם“. דיא בעדייטונג וויא עס ווערט געוועהנליך אָנגעגעבען און איבערזעצט איז ניט א ריכטיגע. גאָט האָט ניט „פערדראָסען“ וואָס ער האָט דעם מענשען בעשאפען, וויא דער עולם מיינט און וויא דער פּסוק ווערט פערטייטשט. ווארום דיא בעדייטונג פון „נחמה“ איז ניט פערדרוס, זאָנדערן סימפּאטיע, מרייכט. גאָט האָט געזעהן אונטער וועלכע אומשטענדען דער מענש געפינט זיך אזוי אָפט, און ער זאָגט מיט רחמנות „נחמתי כי עשיתם“—איך האָב סימפּאטיע מיט זיי וואָס איך האָב זיי גאָר אין גאנצען בעשאפען — א אונגליקליכע געזינדעל נעבאך וואָס מוז אָפט דורך אומשטענדען אָבטרעטען פון ריכטיגען וועג.

ניט אין דער פילאָזאָפיע פון אירגענד וועלכען רעכט דענקענדען מענשען.

דיא בעהויפּטונג אלזאָ דאָס דעם מענשען איז נעטהיג צו פער־צוקען און צו פערניכטען אום צו עקזיסטירען, איז אלזאָ א רחמנות־לאָזע און א בארבארישע, און עס איז ווערט פערדאמט צו ווערען — און דאָס טהו איך יעצט מיט מיין גאנצען הארצען.

* * *

דער דאָקטאָר בעמערקט ווייטער און פרעגט וויא פאָלגט:—

„—דיא פיער שארפע ציין וואָס דער מענש בעזיצט צייגט אָפען גענוג דאָס דיא נאטור האָט דעם מענשען געמאכט פאר א פלייש עסער. ווארום טהוט א קוק אין מויל פון א חיה וואָס עסט קיין פלייש, וועט איה״ר אזעלכע שארפע ציין ניט געפינען. אזעלכע ציין איז נור אין בעזיץ פון חיות וואָס עסען פלייש“.

ענטפער:— דאָס דעם מענשען'ס ציין, זיין מאָגען, זיין גאנ־צע אנאטאָמיע צייגען דאָס ער איז ניט געבאָרען צו עסען פלייש, גיבען יעצט אלע נאָך. א בעוויז דאָס דיא 4שארפע ציין ביין מענ־שען האָבען קיין שייכות מיט פלייש עסען, איז דער פאקט דאָס דיא „גאָרילא“, אָדער „אוראנג־אוטאנג“, וועלכער איז געבויט גראדע אזוי ווי דער מענש, האָט אויך עבענפאלס גראדע אזעלכע 4 שארפע ציין — נאָך פיעל שארפער, שפּיציגער און לענגער. פון דעסטוועגען ווייסען אלע דאָס דיזע לייט זיינען נאטירליכע נים און פרוכט עסער. ביף־סטייק צו עסען קען מען זיי צוואר אויסלעהרנען, און זיי לעהר־נען זיך דאָס אוים ווען מען ברענגט זיי צו גאסט אין דיא סיוויליזיר־טע לענדער, נור עס טהוט זיי טאקע קיין גוטעס—א פאקט בעוויע־זען געוואָרען שוין ניט איין מאָהל.

דיא גרעסטע אוטאָריטעטען ווילען האָבען אז אין דער מענש־ליכער געביידע געפינט זיך ניט איין אָרגאן אזעלכער וואָס זאָל פאָ־דערען פלייש צור חיונה. דער מאָגען איז ניט אזעלכער וויא ביי פערצוקענדע חיות. דער מענש האָט ניט אזעלכע ציין וויא ווילדע חיות, וויא דער דאָקטאָר וויל עס האָבען. ער האָט אויך קיין קלאָען מיט שארפע נעגעל צו רייסען און דורך צו שטעכען. ער האָט בלויז איידעלע הענד פון וועלכע מען קען פון אויבען אויף זעהן דאָס זיי

זיינען בעשאפען —ניט צו פערצוקען, וויא דיא לאפעס פון א בייזע היה, וואס איז געבארען צו רייסען, צו שטעכען און צו פערניכטען. דעם מענשענ'ס הענד זיינען בעשאפען ווי מען קען דאס אפען זעהן, צו קלייבען פרוכט און צו דער ארבייט. ווען דער מענש געהט פער־צוקען קען ער זיינע הענד דערצו ניט נעברויכען — ער מוז האבען א מעסער, א חלף, צו שטעכען, צו שעכטען, צו רייסען און צו פער־ניכטען. אינסטינקט מעסיג האט אויך דער מענש קיין נייגונג צו עסען פלייש. איהר וועט ניט אריין געהן אין א שלאכט־הויז וויא אין א וויין גארטען און דארטען נעהמען דאס ערשטע בעסטע שטיק פלייש און עס עסען אויף דער שטעלע, וויא איהר וועט טאהן מיט פרוכט אין א פרוכט סטאר. עס האט נאך ניט פאסירט צווישען סי־וויליזירטע מענשען דאס איינער זאל אריין אין א בוטשער סטאר און דארטען חאפען א רויע שטיק לעבער, א שטיק צונג, אדער א שטיק רויע פלייש און עס עסען אויף דער שטעלע. דיעזער פאקט אליין בעווייזט אפען געגנוג דאס פלייש איז ניט נאטירליכע שפייז פאר דעם מענשען.

און וואס אנבעלאנגט אונערבארימליכקייט, הארט־הערציגקייט און נייגונג וואסווילדע חיות האבען, בעזיצט אויך ניט דער מענש. עס איז נור א שוחט, א בוטשער, וואס קען גלייכגילטיג צוזעהן דיא קאנוואלסיע, דעם וועהטאג און דיא פייניגונג פון איין ארימע בעשע־ניס וואס עטהעמט אויכ איהר לעבען. זאנסט געפינט איהר ניט איי־נעם פין טויזענד וואס זאל ניט אויף געגרוילט ווערען פון דער שרעקליכער כצענע וואס מען קען זעהן אין א שלאכט־הויז.

דיעזע אלע פאקטען בעווייזען דאס דער מענש האט קיין נא־טירליכע נייגונג אין איז ניט געבארען צו עסען פלייש. עס איז נור אומשטענדען אין נויט וואס האבען איהם געבראכט ער זאל עס אנ־הייבען צו עסען, אין נאכהער איז דאס געווארען זיין צווייטע נא־טור.

* * *

דער דאקטאר ענדיגט זיין מגילה מיט דער פאלגענדער טענה:—

„—דיא נאטיר האט אזוי איינגעארדענט דאס דער מענש זאל וואהנען אין אלע קלימאטען, אין אלע טהיילען פון דער וועלט.

וואס וועלען אלזא מענשען טאהן וואס וואהנען אין דיא קאלטע געגענדען וואו דיא ערד איז בעדעקט מיט אייז און מיט שנעע א גאנץ יאהר, און מען קען ניט זייען? וואס וועט דער מענש פון דארטען טאהן אום צו קריעגען שפייז פיר זיין עקזיסטענץ אויב ניט פליישׁ? וואס מיינט איהר דאס זיי קענען דארטען לעבען אויף אייז־קרים?"

ענטפער:— איהר מאכט שוין ווידער א מיסטיק. דיא נאטור האט גאר ניט איינגעארדענט דאס דער מענש זאל וואהנען אין אונפאסענדע געגענדען. גראדע אזוי וויא דיא נאטור האט ניט איינגעארדענט דאס דער מענש זאל לעבען אין וואסער. וואו עס איז אנגענעהם, גראדע דארט דארף דער מענש וואהנען — דאס איז זיין ערשטע פפליכט וואס ער איז זיך אליין שולדיג. דיא ערשטע אויפגאבע פון יעדער מענשען איז נור אויסצוקלייבען מיט גרויס פארזיכט א קלימאט און א געגענד פאסענד פאר זיין כאראקטער, פאר זיין געזונד, פאר זיין גאנצען ווארלשטאנד. גאט האט דעם ערשטען מענשען ניט בעזעצען אין „נארד־פאל"—ער האט איהם ניט פערשיקט נאך סיביריא. אין גן־עדן איז געווען די ערשטע וואהנונג וואס ער האט אויסגעקליבען פארן מענשען—אין א פראכטפאלען גארטען, וואו דער קלימאט איז געווען בעזאנדערס גינסטיג און אנגענעהם, האט איהם גאט אריינגעשטעלט אין לאזשי. און אויב עס געפינט זיך היינט א מטורף וואס וויל דוקא פערקריכען וואהנען וואו עס איז וויסט און אומעטיג און קאלט און ניט פרוכטבאר, דאן זאל ער נור דארטען געהן — און געהן גיך, פער שנעל־צוג; ווארום אזא קאסטימער האט א פערדרעהטען קאפ און איז ניט נעטהיג אין דער סיוויליזירטער וועלט. ער געהט דאך דארטען מיט דעם צוועק פאר־אויס צו פערצוקען, און א פערצוקענדע חיה איז ער, און עס איז ניטא וועגען וועמען זיך צו קימערן. מיינערטוועגען קען ער עסען אייז קרים—און זיך פער׳סם׳ן דערמיט צו אלע שווארצע יאהר—מיין לעצטע דאגה!

א בעוויז דאס דיא אלע קאלטע געגענדען זיינען ניט פאסיג פאר דעם מענשען צו וואהנען, קענט איהר נעהמען דערפון, דאס די אלע וואס וואהנען דארטען זיינען ניט ענטוויקעלט, ניט סיוויליזירט

טהוען ניכטב אויף פיר זיך, און ניט פאר דעם וואהלפארט פון דער וועלט און איהרע מענשען. זיי זיינען איינפאכע חיות און שטעהען ניעדעריגער אין שכל און אין יעדער הינזיכט וויא מענשען וואס וואהנען אין גינכטליכע קלימאטען. דאס איז א פאקט וואס איהר ווייסט גאנץ גוט, און אייער ארגומענט דאס דיא נאטור האט איינ־געארדענט דאס מענשען זאלען בעוואהנען אלע טהיילען פון דער וועלט, פאלט אלזא דורך.

## קאפיטעל 4.

„—וויא קומט עס", פרעגט נאך א לעזער, „דאס אויב וועגע־טעריאניזם איז ווירקליך אזוי וויכטיג פאר דעם מענשען וויא איהר בעהויפטעט; און וויא איהר אליין זאגט, האבען דיעזע לעהרע גע־פרעדיגט דיא גרעסטע מענשען בכל דור ודור — וויא קומט עס אלזא, פרעג איך, ווארום מענשען האבען עס שוין ביז יעצט ניט אנגענומען ? וואהרשיינליך מוז דאך דערין עפעס פעהלען א קלעפ־קע. זאנסט וויא קען עס זיין אין דער מעגליכקייט דאס מענשען זא־לען אזא וויכטיגע זאך אליין ניט פערשטעהן און זאלען עס ניט ווע־לען אנערקענען ?

ענטפער :— און זאנסט — אויסער דיעזע לעהרע — און דיא אלע וויכטיגע לעהרעס וואס דיא גרעסטע מענשען האבען פערטהיי־דיגט בכל דור ודור, האט מען שוין דען אלעס אנגענומען? איז שוין אלעס וואס איז רעכט און פאסענד אנגענומען געווארען ביי דער מענשליכער משפחה, נור דיא וועגעטעריאנישע פראגע איז דיא איינציגע פראגע וואס איז ניט ווערט אפילו צו נעהמען אין אנבע־טראכט ? האב שטארק מורא דאס אויב איהר זאלט זיך נעהמען די מיהע און ארומגעהן מיט א וועכסענע ליכטעל צו זוכען חמץ אין אנדערע ערטער, וועט איהר דארט, רעכען איך, געפינען פון דיי־זע סחורה, פיעל מעהר וויא איהר קענט אנפילען אין א הילצערנע לעפעל — דאס גאנצע שטאאט דענעמארק איזט פערפוילט !

ביז דאטע האבען מענשען אנגענומען בלויז זעהר ווייניג וואס איז ריכטיג און וויכטיג פאר זיי. זיי זיינען מחלל פאסט אלע געזע־צע וועלכע גרויסע מענשען האבען פיר זיי אוועק געלייגט — און

דער געבאָט „לא תרצח“ בילדעט נאטירליך קיין אויסנאהם. דיא אלע אנדערע ניין פון דיא צעהן געבאָט ווערען אויך ניט אָבגעהיט און ווערן פערלעצט — און אומגליקליך איז ער און אונגליקליך וועט דער מענש זיין, ביז וויא לאנג ער וועט דיעזע געבאָט ניט פערשטעהן און אָבהיטען פאר זיין אייגענע טובה.

דיא פראגע אויב דער מענש קען לעבען אויף פרוכט און פלאנ־צונגען איז שוין פערענטפערט געוואָרען מיט טויזענדער יאָהרען צוריק. דיא הייליגע שריפטען, היסטאָריע, דיא וויסענשאפט, דיא ערפאהרונג פון גרויסע מענשען, פון גאנצע לענדער אין אלטע און מאָדערנע צייטען, האָבען אלע פערטהיידיגט דיא פראגע פון ווע־געטעריאניזם, און אלע האָבען בעוויעזען דאָס דער מענש אונטער געוועהנליכע אומשטענדען—ניט אָנגעשטרענגטע—קען וואכסען און קוועלען און לעבען צופריעדען און גליקליך אויף תבואה און פרוכט.

נור דער מענש איז א רעטענים און פול מיט קאָנטראסטען. ער האָט אפילו יא דעם געפיהל דאָס מען דארף פאָלגען און אָבהי־טען א געבאָט, נור אָנשטאָדט דאָס אָבצוהיטען, זוכט ער נור נאָכ־אנאנד מינזלען וויא אזוי — דאָס ניט אָבצוהיטען. זוכט נור תירוצים נאָכאנאנד וויא אזוי זיך צו פערטהיידיגען און ביי זיך פועלן דאָס ער האָט רעכט ווארום ער היט ניט אָב א געוויסען געזעץ. אָפט גע־לינגט עס איהם—וויא, למשל, קרבנות און שחיטה אין בעצוג פון דעם געבאָט „לא־תרצח“. ער וויים דאָך דוכט זיך גאנץ גוט דאָס מען דארף ניט, מען טאָהר ניט מערדערן, דארף זיך אָבער מאכען א צו־פאל דאָס מען הייסט איהם אונטער געוויסע בעדינגונגען ברענגען א קרבן; און עס שטעהט בפירוש „וזבחת“. יעצט האָט ער שוין א נייעם עסק — ביי איהם איז שוין יעצט א „מצוה“ צו מערדערן. יעצט איז עס שוין לשם־שמים'דיג—די שמד־שטיק האָט ער שוין יעצט אריין גערוקט אין דער יראה און ער מערדערט שוין יעצט אין גאָטעס נאָמען — און האָט שוין גערעכט אויך!

עס איז דאָ, למשל, א געבאָט אין דער תורה דאָס מען דארף רחמנות האָבען אויף א בהמה. דער מענש דארף איהר לאָזען רוהען אום שבת — דארף איהר ניט איינשפאנען אין דער ארבייט מיט איין אנדערע בעשעפענים וואָס איז ניט איהר גלייכען אום עס זאל

איהר ניט פאַלען צו שווער דיא ארבייט—דאַרף איהר ניט אָנטאָהן א קאַרב אויפ'ן מויל ווען זיא ארבייט אין זיין פעלד אום זיא זאָל ניט קענען דערוויילע עסען; און נאָך אנדערע אַזעלכע געבאָט וועל־כע פערפלאַנצען אין דעם מענשענס ברוסט א סימפאַטיע צו א מיט־בעשעפענים. דיעזער געבאָט האָט א אבקלאַנג מיט זיינע אייגענע געפיהלען, וואַרום ער אליין בעזיצט אויך אינסטינקטמעסיג דיא מידה פון רחמנות און דיעזער געבאָט געפעהלט איהם. אלזאָ יעצט ווייס ער שוין דאָס ער דאַרף רחמנות האָבען אויף א בעשעפענים. פאַר גרויס בעגייסטערונג פון רחמנות, כאַפּט ער זיך איין מאָהל אַרויס מיט גרויס אימפעט, און בילדעט א חברה צו בעשיצען בעשע־פעניסע אַזעלכע וואָס קענען זיך אליין ניט פערטהיידיגען. מילא אַזוי ווייט אַזוי גוט. נור וויא לעכערליך קומט עס אָבער ביי איהם ענדליך אַרויס! דיעזער, זיין איידעלער געפיהל, גרייכט נור בלויז ביז קעץ — ביז פערד! ער פאַנגט אָן שטרענג אכטונג צו גע־בען דאָס פערד זאָלען ניט קריעגען געשמיסען און דאָס קעץ זאָלען האָבען וואו צו שלאָפען; און אז דער זעלבער צער־בעלי־חיים'ל זעהט פון דעסטוועגען וויא מען נעהמט איין אנדער בעשעפענים — אבי עס איז נור ניט א קאַץ אָדער א פערד; און דיעזע בריאה זעהט ער וויא מען הרג'ט פריהער מכות־רצח איידער זיא ווערט ערמאָר־דעט; און נאַכהער ווען זיא איז נאָך וואַרים, וויא מען שינדעט איהר, און מען צו זעגט איהר, און מען צושניידט איהר און מען צוגלידערט איהר אין שטיקלאַך, עסט עס פון דעסטוועגען דיעזער זעלבער „חיים'ל" נאַכהער. „נא־ובשל מבושל במים, צלי אש, ראשו על כרעיו ועל קרבו" — ער עסט עס האַלב געבראָטען אָדער געקאָכט אין וואַסער, אָדער געבראָטען אויפ'ן פייער, דיא קאָפּ ביז די קניע ביז דיא אינגעווייד עסט ער אויף און לאָזט ניט איבער א ביסען ביז מאָרגען. ער עסט דיא דאָזיגע אַלע זאַכען בחפזון, גיך און געשווינד, אין א טעלער בלוט; און ער עסט עס מיט א בלוט־דורשטיגע נייגירדע; און זאָל עס נור זיין פלונית'טע ניט האָבען פערפערטיגט לויט וויא עס שמעקט זיין פאַרדאָרבענעם געשמאַק, דאַן קריגט זיא מסתמא א פּאַרציע פון איהם וואָס א פערד און א קאַץ וועלען עס געוויס פון איהם ניט קריגען. פונדעסטעוועגען קען

פועלן ביי זיך דיעזער חברה־מאן צו מיינען דאָס ער האָט דעם גע־
באָט פון רחמנות אויסגעפיהרט — א בעוויז דאָס היינט אליין האָט
ער געלאָזט ארעסטירען א בעל־עגלה דערפאר וואָס ער האָט זיין
פערד געשמיסען!

אין דיא לעצטע יאָהרען האָט אויסגעבראָכען איין עפּידעמיע
— א מין איבערגאנג, צו בויען רחמנות־קלייזלאך — · בארמהערציגע
חברות. ליאד איינער איז געוואָרען א קאָמיטע מאן פון דיזע רחמנות
חברה'לעך. מען האָט מעהר ניט געזעהן וויא הימעל, ערד און קאָמי־
טע־לייט! אפילו קינדער זיינען געוואָרען קליינע קאָמיטעלאך. ויהי
היום, דארף פּאסירען דאָס דיעזע אלע בארמהערציגע חיים'לאך,
האָבען זיך אין א מיטען העלען מיטוואָך דערוואוסט דאָס דיא וועכ־
טער פון דיא טהירישע גערטנער וואָס געפינען זיך אין דיא גרויסע
שטעדט, קאָרמענען דיא גרויסע שלאנגען דאָרטען, מיט לעבעדיגע
טויבען. ווארום שלאנגען, וויא מאנכע שלעכטע מאנסבילען, געפינען
פּרעטענזיעס אז מען דערלאנגט זיי קאלטע שפּייז. זיי בורטשען —
א קלאָג נאָך זיי! נון מוז מען דיעזע שלאנגען בעזאָרגען מיט וואַרי־
מע שפּייז און קיין אנדערע זאך געפעהלט ניט דיעזע חברה וויא
נור לעבעדיגע טויבען.

דיא צער־בעלי־חיים'לעך אז זיי האָבען דערפון געקריעגען
צו הערען האָבען זיי זיך מיט רעכט פערנאנדער געקאָכט. האָבען זיך
שרעקליך געבייזערט; און זיי האָבען גערעכט געהאט אויך. ווארום
עס איז שוידערהאפט ביז דער העכסטער אָקטאַווא צו קאָרמענען
שלאנגען מיט לעבעדיגע טויבען;און עס איז ווירקליך שעהן דאָס די־
זע חיים'לאך האָבען זיך אָנגענומען דיא קריוודע פון יענע ליעבליכע
אונשולדיגע, גוטע טויבען און האָבען זיי געוואָלט בעשיצען דאָס
זיי זאָלען ניט קומען צו אזא פינסטערע ענדע. נור וויא קומט עס
פונדעסטוועגען, דאָס דיעזע זעלבע בארמהערציגע חיים'לעך בילדען
ניט חברות און בעשיצען ניט אנדערע ליעבליכע, אונשולדיגע טוי־
בען וואָס פאלען אריין אין דיא הענד פון אנדערע שלאנגען, בייזע
חיות, טאָג טעגליך, נאכט נעכטליך, יאָהר איין יאָהר אויס, און
פערצעהרען דיעזע אונשולדיגע טויבען לאלפים ולרבבות?

דער נביא הושע דריקט זיך אויס איראָניש מיט רעכט אויף

אזעלכע בארעמהערציגע חיים׳לאך :— „זבחי אדם עגלים ישקון“— קוילענען מענשען און קושען קעלבער, זאָגט ער. פערהיטען קעץ און הינט און פערד און אפילו טויבען, און בעהאנדלען זייערע ווייבער שלעכט.

דערפאר זאָג איך דער מענש איז א רעטענים און פול מיט קאָנטראסטען, און מען קען זיך אויף איהם ניט פערלאָזען. ער האָט צוואר יא געפיהל און סימפאטיע און וויל דוכט זיך אָבהיטען א געזעץ, נור אָדער עס קומט ביי איהם ארויס קאפויר, אָדער וויא א לאָיער זוכט ער נור צו געפינען פונקטען וויא אזוי ער זאָל עס ניט דארפען אָבהיטען. און דאָס איז אן ענטפער אויף אייער פראגע ווארום מענשען האָבען שוין ביז יעצט ניט איינגעזעהן אין דעם אמת און אין דער וויכטיגקייט פון „לא־תרצח“. עס איז ניט דארום ווייל עס פעהלט דערין א קלעפקע, וויא איהר דריקט זיך אויס, זאָנ־דערן דערום ווייל דער מענש איז אין יעדער בעציהונג וויעדער־שפרעכענד און איז איין אדוואָקאט — זוכט נור נאָכאנאנד פונקטען און מיטלען וויא א געזעץ ניט אָבצוהיטען.

א מערקווירדיגע זאך איז צו בעמערקען וויא יעדער זאך האָט איהר בעזאָנדערן מזל. עס וועט ניעמאנד וואגען צו פערלייקענען דאָס דיא פראגע פון „לא־תרצח“ איז דיא וויכטיגסטע פון אלע פרא־געס וואָס ווערען נאָכאנאנד פערטהיידיגט. ווארום עס איז א פראגע וואָס גרייפט אייך אָן דירעקט.איהר אליין עסט א גאטונג שפייז וואָס איז גרויזאם, שרעקליך, עקעלהאפט און ניט ריין. איהר וועט ווילענ־דיג ניט שלאָפען אין איין בעט מיט א נעגער,און מיט א זייטל פלייש געווים ניט, און מיט א באריל‍קע הערינג אויך ניט, ווארום איהר בע־טראכטעט עס פאר ניט ריין גענוג, און צום סוף נעהמט איהר אריין אלס באָרדער אין זיך א הערינג אלס פאָרשפייז און אלס צוגאָב א פונט בלוטיגע ביף־סטעק ! עס איז אויך א פראגע פון געזונד—עס פיהרט אויך אין דער וועג פון אויסגעלאסענהייט—עס קאָסט אויך זעהר טהייער אוים דעם עקאָנאָמישען שטאנדפונקט—און עס מאכט פון דעם מענשען׳ס געפיהלען א תל. צייגט מיר נאָך עפעס וואָס זאָל אָנמאכען אזא שרעקליכען חורבן און מאכען פון דעם מענשען א היה־טורפת, וויא פלייש עסען ? אפילו שארפע געטרענקע, וואָס

ברענגט אויף דעם מענשען שאדען אָהן א שיעור, ווענדעט זיך אויף גענצליך נור אָן דער פראגע פון פלייש עסען. עסט קיין פלייש און איהר קענט קיין שארפע געטרענקע געניסען; און וויא פיעל צרות מאכען אָן דיזע צוויי חברה פלייש מיט משקה ווען זיי קומען זיך צוזאמען אין איינעם. זיי צורייצען דיא געבליטען געפעהרליך. עס האָט נאָך ניע פאסירט דאָס איינער זאָל שלאָגען זיין ווייב און מער־דערן זיינס א קינד נאכהער ווי ער האָט גענעסען געבראָטענע עפעל, און נאָך א געריכט פון א בלוטיגען ביף־סטעק מיט ביהר, האָט שוין אזא אונגליק פאסירט ניט איין מאָהל. און דיא פראגע פון טרינקען ווענדעט זיך גענצליך אָן נור אן דיא פראגע פון פלייש. פון דעסט־וועגען בעטראכטעט וויא פיעל עס ווערט געפרעדיגט און גערעדט און וויא פיעל געלד עס ווערט פערספענדעט צו אגיטירען וועגען דיא פראגע פון שכרות, און וועגען דיא פראגע פון „לא־תרצח“—דיא הויפט פראגע וואָס גרייפט אָן אזוי נאָהענט, אויב מען זאָל גאָר אפילו ריידען, לאכט מען נאָך גאָר אָב. „משוגע איש הרוח וכל סר מרע משתולל“—דער אלטער געשריי ווען מען זעהט איינעם מיט א העכערען גייסט.

וואָס איז דיא אורזאכע, פרעגט איהר, ווארום מענשען האָבען עכ שוין לאנג ניט אָנגענומען אויב עס איז אזא גוטע אָרדנונג? דיא אורזאכע איז איינפאך. ענטוועדער איינער איז דער כפול־שמונה׳דיגער פרעסער, און וועט גיכער אָפּפערן זיין געזונד, זיין מאָראלישען צושטאנד, זיין רוהע און זיין גאנצען וואהלפארט איי־דער ער זאָל פערבייגען דעם פערגעניגענד אפילו פון איין געשמאַ־קען מיטאג—און פון דיזען זאָרט געפינט איהר אָהן א שיעור פיעל אָדער ער איז אזוי ארייגגעטאָהן אין פערשיעדענע אונטערנעהמונ־גען וואָס פארנעהמען זיין גאנצען געדאנקען און אומשטענדען לאָזען איהם איינפאך ניט־אפילו נאָכצודענקען וועגען דעם, און ער לאָזט זיך געלאָסען פיהרען פון זיין געוואָהנהייט און פון זיין „יצר־לב־רע מנעוריו“. אנדערע ווידער טענה׳ן, יענע אלע פריהערדיגע האָבען אזוי לאנג אָבגעלעבט דיא וועלט, טאָ פארוואָס זאָלען זיי יעצט ווע־רען קליגער וויא „תרח“. דיא לשם־שמים׳דיגע אכלער׳ס האָבען זיך זייער אייגענעם תירוץ — זייער רעליגיאָן ערלויבט עס זיי, בעהויפ־

טען זיי. איי דיא זעלבע רעליגיאָן הייסט אויך טאָהן אנדערע זאכען וויכטעגערע, וועלכע זיי זיינען מחלל יעדען טאָג—דאָס גראדע הארט זיי ניט. אבי עס האָט זיי צוגעטראָפען וויא זיי מיינען—פאלש, מיט דער אכילה, האלטען זיי דאָס הייליג—און זיא צוהרגעט א לעבעדיגען פיש און זיא זאָגט זיא „מאכט שבת“! און ער מאכט קידוש אויף א רוב כוס און עסט „בשר ודגים וכל מטעמים“ און איז שוין אויך יוצא—האָט שוין אויך אָבגעהיט שבת געננג!

אויסער דעם מוז מען מודה זיין דאָס נאָך אלעמען איז דיא שרעקליכע געוואָהנהייט פון עסען פלייש, ניט אזוי לייכט אָבצו־ברעכען וויא מאנכע קענען אויבערפלעכליך מיינען—איבערהויפט נאָך ווען דער כאראקטער און ווילען זיינען שוואך, און פון דעם צוקראָכענעם זאָרט. ווארום דיא ארומיגע מענשען, יעדערער מיט א דעה, יעדרער מיט א מיינונג, יעדערער מיט א וויץ פארוואָרפען מיט עצות. קענען זיך אליין ניט העלפען מיט א עצה, נור וויא דיא געלעגענהייט ערלויבט זיי, פאנגען זיי באלד אָן אָן צו באָמבארדירען מיט עצות אויף אנדערע. לאכען אָב, מאכען דעם טויט און לעגען אויס א ניט גוטען סוף. זיי אליין האָבען א מאָהל איינעם געקענט, זאָגען זיי, וואָס איז געשטאָרבען פון ניט עסען פלייש. אי, טויזענ דער שטארבען אלע טאָג פון יא עסען פלייש — דאָס דערצעהלען זיי דוקא ניט.

און מען מוז אויך מודה זיין דאָס צו לעבען וועגעטעריאניש איז נאָך דערווייל ניט איבריגענס בעקוועם. מען געפינט זיך גע־הינדערט אויף יעדער שריט און טריט. אין דער פרעמד איז גאָר שלעכט — און אין דערהיים איז עס אויך ניט איבריגענס אנגע־נעהם. ווארום מייסטענס שטימען ניט איין דיא הויז־לייט, און אלע טאָג געפינט איהר צו מיטאָג בעבלאך, צו סאפער בעבלאך — הימעל ערד און בעבלאך! ביז עס ווערט איינפאך מיאוס פארן לעבען. אָט געהט מען גאָר אויף א שמחה, למשל. אלע ארום און ארום לעבען א גוטען טאָג, און דער איין וועגעטעריאנער אויסערדעם וואָס ער קען גאָר ניט געניסען, ווערען נאָך זיינע יאָהרען פערקירצט מיט דיא „חאָמכעס“ וואָס דער עולם באָמבארדירט אויף זיין רעכנונג. חברה פאנגען אָן צו קלעהרן וואָס דער וועגעטעריאנער קען עסען. נאָך פיל

קלעהרען, נאָך פיעל צוקראָכענע, צופוילטע וויצען, פערבלייבט ענדליך ביין גאנצען עולם אז עס איז ניטאָ וואָס צו עסען פאר דעם וועגעטעריאנער אויסער שוה־וואכס, טשר־טאָבעקא און טשוועקעס.

„און אויך שטרוי און היי“, וויצעלט זיך נאָך א חכם און פלאצט אזש פון געלעכטער.

באלד דערלאנגט מען צום טיש געריכטען וואָס פארנעהמען זיין אָטהעם, און ער פאלט באלד אריין אין חלשות אויס זיסקייט ווען ער שמעקט דעם אנגענעהמען ריך פון דיא מאכלים מיט וועלכע ער איז איינגעוואָהנט פון דער יוגענד, און וועלכע צו רייצען ניט איין מאָהל זיין אפעטיט ביז עס וו ערט אונערטרעגליך. ווארום דיא אראָמא פון פריש געבראָטענע פליישיגע מאכלים, ווירקט מערק־ווירדיג אנגענעהם אויף דעם מענשענ׳ס חושהריח. מען מוז ווירק־ליך האָבען א זעהר פעסטען כאראקטער צו בעזיעגען דיא קראפט פון דיזען ריח * דיעזע און אנדערע אזעלכע אורזאכען לאָזען איינ־פאך ניט צו אז דיא וואהרהייט פון דער וועגעטעריאנישע לעהרע זאָל אזוי לייכט זיעגען.

א זעהר לאנגע צייט מוז נאָך דערפאר נעהמען, און אומשטענ־דען מוזען ענדליך ברענגען דערצו דאָס דיעזע בארמהערציגע וואהר־הייט זאָל אָנפאנגען צו טראָגען פרוכט.

א פעסטער — ניט צוקראָכענער כאראקטער פאָרדערט היינט צו ווערען א וועגעטעריאנער, נור איך האָף דאָס אזעלכע געפינען זיך נאָך צווישען דעם „עם קשי־עורף;“ און דיעזע וועלען מסתמא זיין דיא ערשטע —וויא געוועהנליך אין אלעס, איינצוזעהן דעם אמת

* איך רעכען אז דער אנגענעהמער ריח פון געבראָטענע פלייש איז טאקי דיא אורזאכע וואָס האָט דיא ערשטע מענשען בעוואָגעז אין גאנצען אָנצופאנגען צו עסען פלייש. „ותמלא הארץ חמס“— און דיא וועלט איז געוואָרען אָנגעפילט מיט רויב, דערצעהלט דער פסוק. קיין צווייפעל האָט עס פעראורזאכט וואָס מענשען האָבען אָנגעפאנגען פלייש צו עסען. אויב איך מאך ניט א מיסטייק געפינט זיך אירגענדוואו א מדרש וואָס מאכט דיא זעלבע בעהויפטונג. דיע־זער גרויזאמער טהאט האָט אויפגערייצט דיא נאטור, און דער מבול

פון דיעזער נאָבעלער לעהרע—דיא לעהרע פון „לא־תרצח“. זיי וועלען מסתמא פריהער פאר אלעמען אָננעהמען דיא ערהאבענע סיסטעמע—דיא סיסטעמע פון „לעב און לאָז לעבען“; און דאן— און ניט ביז דאן, וועט דיא לאגע פון דער מענשהייט, וואָס אָנבעלאנגט געזונד, צופריעדענהייט, א גלייכער פערשטאנד און א לאנגען לעבען, זיין געזיכערט.

## קאפיטעל 5.

„—באלד נאָך דעם וויא איך האָב געלעזען אייערע שריפטען, בין איך תיכף געוואָרען א וועגעטעריאנער“, שרייבט נאָך א שלאק. „האָב איך אָבער א פלונית'טע וועלכע איז א געפעהרליכע שטיקעל סחורה—א כלאפטע 18 דיא פראָבע—זיא וואכסט א שוויגער; און דיעזע בחור'טע—זאָל איהר חאפען דער רוח, האָט מיר אָנגעהויבען אויסצוטהיילען צרות דערמיט וואָס זיא פלעגט פאר מיר בכיון נאָכאנאנד קאָכען האָבער גריץ—האָבער גריץ איז ניט מעהר וויא האָבער־גריץ. איך האָב אָנגעהייבען צו בורטשען, שטארק צו פראָ־

---

איז געקומען. נאָך דעם מבול, ווען נח האָט געבראכט א קרבן, דערצעהלט דיא תורה פאָלגענדעס:

„וירח ה' את ריח הנחח“—און גאָט האָט געשמעקט דעם אנגענעהמען ריח—און ער האָט בעשלאָסען ניט מעהר צו פערדאמען דיא ערד וועגען דיא שלעכטע אויפפיהרונג פון מענשען. דאָס הייסט גאָט האָט זיך איבערצייגט דאָס דער ריח פון געבראָטענע פלייש האָט אזא רייצענדע ווירקונג אויף דעם „יצר לב האדם רע“—אויף דיא ניעדעריגע נייגונג פון מענשען, דאָס עס איז איינפאך שווער פאר איהם פון פלייש עסען זיך צוריק צו האלטען. ווארום טאקע באלד נאָך דעם, זוכט שוין גאָר דיא תורה אליין מיטלען וויא אזוי דיזע גרויזאמע שפייז מתיר צו מאכען. ווארום נאָך אלעמען איז דאָך דיא תורה געגעבען געוואָרען פאר מענשען, ניט פיר מלאכים. עס ערלויבט שוין פלייש נאכהער, נור וועניגסטענס עסט שוין חאָטש דאָס בלוט ניט „אך בשר בנפשו דמו לא תאכלו“, בעט זיך שוין נאכהער דיא תורה.

טעסטירען און זיא האָט מיר איין מאָהל צוליעב געטאָהן און האָט פאר מיר איין מאָהל געקאָכט עפּעס א מין געריכט צוזאמען געמישט פון ציבעלעס, קרויט און ברוק—אייערע מאכלים. נור וויא איך בין אין שטוב אריין האָט מיר דער ריח פון דיזען מאכל דערלאנגט אזא זעץ אין נאָז דאָס איך בין באלד אומגעפאלען. יעצט ווייס איך שוין גאָר ניט וואָס צו טאָהן. קען מעהר קיין פלייש עסען, און קיין אנדער זאך וויא האָבער גריץ און יענעם מאכל פון דיא ציבעלעס קען איך ניט פועלן ביי מיין בחור'טע צו מאכען. בין דאדורך אוים מענש. ביטע געפעליגסט מיר צו געבען א עצה וויא זיך ארוים צו העלפען פון דער קלאָגעדיגער בלאָטע וואו איהר האָט מיר געלאדען צו פערקריכען. הויפּזעכליך זאָלט איהר מוחל זיין צו זעהן דאָס אין אייער עצה זאָל זיך ניט געפינען האָבען גריץ מיט ציבעלעס, ווארום איך האָב ניט נור זיי אליין פיינט, נור אפילו דעם זאק וואו זיי קומען פערפּאקט קען איך שוין אויך ניט אָנזעהען פאר דיא אויגען; און דעם פארמער וואָס פּראָדוצירט זיי בין איך אויך א דם שונא; און איך וואָלט געוואונשען איך זאָל איהם ווען עס איז קריעגען אליין אין א ווינקעל ערגעץ נעבען דעם ים. איך וואָלט איהם פריהער אלס א פאָרשפּייז געקיצעלט ביז צום טוידט, און נאכהער וואָלט איך איהם אריין געוואָרפען אין ים אָהנע זיך פיעל מיישב צו זיין; און אויב מען וואָלט מיר נאכהער וועגען דעם פאָרגעהאלטען וואָלט איך אָבגעשוואָרען מיט טוידטע שבועות און וואָלט געזאָגט דאָס איך ווייס גאָר ניט פון וואָס צו זאָגען—דאָס וואָלט איך געהאט געטאָהן, און אויב איהר וואָלט מיטגעשפּיערט מיינע צרות וואָס איך האָב פון דיא פערדאמטע האָבער גריץ מיט דיא ציבעלעס וואָלט איהר אליין געזאָגט דאָס איך האָב רעכט, און וואָלט מיר נאָך אליין מיטגעהאָל-פען צו קיצלען דעם פארמער—“

ענטפער:— פון אייזען דארף מען זיין אויסצוהאלטען פון אלעמען. מען דארף האָבען מיט דיא לייט געדולד פון א מלמד. „לא חמור אחד מהם נשאתי“—ניט איין אייזעל פון זיי האָב איך אריבער געטראָגען, אָהנע זיך צו בעקלאָגען; נור לעצטענס האָבען זיך חברה צו־לאָזען און קומען מיט פראגעס און מיט פרעטענזי-עס אזוי געדיכט וויא צרות. נור ענטפערן מוז מען, ווייל דיא טענות

אין אזעלכע פראגעס זיינען גערעכטע. איך פיהל און שפיהר דיא פערלעגענהייט פון אלע אזעלכע וועלכע האבען יא דיא קראפט צו דענקען און דעם אינסטינקט צו פיהלען וואס עס איז רעכט און וואס ניט, נור זייער תאוה נאך טהירישע שפייז, אדער זייער געוואהנהייט ברעכט איבער יענע קראפט פון דענקען און פערניכטעט יענעם אינ־סטינקט צו פיהלען. וועל דערפאר יענעם ליץ ענטפערן :—

ערשטענס קום איך אייך מודיע צו זיין דאס אייער פארשלאג מכח אייער בחור׳טע, אין אנפאנג פון אייער בריעף דאס דער רוח זאל איהר נעהמען, אונטערשטיץ איך מיט׳ן גאנצען הארצען. האף נור דאס עס זאל געשעהן אין גיכען, אום רשעים זאלען זעהן אז א וועלט איז נאך אלעמען ניט הפקר.

והשנית קום איך אייך מודיע צו זיין דאס איך האב געווארט אויף אייך—גוט וואס איהר זיינט אנגעקומען. האב זעהר גערן זיך צו בעגעגנען מיט אזא חברה מאן וויא איהר זיינט. קוועל פשוט אן, ווארום איך האב זעהר ליעב דיא פאנטאפעל חברה וואס ציטערן און פלאטערן פאר א ספאדניצע—חאלש נאך זיי—געה איינפאך אויס נאך זיי. א ליכטיגען גן עדן זאלען נור אזעלכע לייט האבען—במהרה אמן!

אין דיא אלטע צייטען איז א מאן געווען א מאן—א ווארט הייליג—א בעשלוס פעסט. קוים האט נור עפעס איינער בעשלאסען —קוים האט ער נור עפעס ארויסגערעדט א ווארט, דאן האט עס זיך זאגאר געמעגט האנדלען אפילו וועגען אפפערן א קינד, און ער האט זיין ווארט ניט געצויגען צוריק—און יפתח האט אויך געהאט א ווייב! ווארום אלע מיינע לאנדסלייטע האבען מאמעס און געוויס האט דאך יפתח׳ס טאכטער, אויך געהאט א מאמען. היינט אבער בעונתינו הרבים—אין היינטיגע צייטען פון צוקראכענע העלדיש־קייט, ווען איינער בעטראכטעט זיך פאר א געוואלדיגען העלד—פאר א גרויסען ווארטס־מאן, ווען ער קען אויסהאלטען א נדר פון ניט צו רויכען א ליולקע א גאנצע וואך צייט—אין היינטיגע צייטען פון צוקראכענע גבורים וועלכע לאזען זיך פיהרען און רעגיערען ניט נור פון א ספאדניצע אליין, זאנדערן אפילו פון דעם דאמסקען שנייי־דער וואס מאכט דיא ספאדניצע—אין היינטיגע צייטען פון קיט־

געבייטע העלדען מיט א כאראקטערעל אזוי גרויס וויא א מילבעלע, איז גאָר אייגענטליך אומזיכט דאָס מען רעדט גאָר ארום אזא טהע־מא וויא דיא וועגעטעריאנישע. ווארום קוים שטימט ניט איין דיא ספּאָ־ניצע, איז פערפאלען—און באסטא!

דערפאר קומט אוים צו ענטפערן אויף אייער פראגע וואָס איהר זאָלט יעצט עסען, דאָס איהר זאָלט מוחל זיין און עסען שטרוי, היי, צייטענווייז אויך א ביסעל האָבער— נור ניט צו פיעל, ווא־רום עס קען אייך נאָך שאדען, אזוי וויא אנדערע פערד. איבריגענס זאָגט איהר דאָך איהר ווילט קיין האָבער. טאָ עסט אלזאָ שטרוי אליין.

דער טיש געגרייט אין דער נאטור פאר דעם מענשען, איז בעלאדען מיט אלס דאָס גוטס, און בענעטהיגט זיך ניט אין דער היל־פע פון א ספּאָדניצע אזוי פיעל וויא איהר מיינט. אויב דער מענש וואָלט נור וויסען וויא קליין און פראָסט ער קען מאכען זיינע בע־דירפניסע, און וויא לייכט און גרינג ער קען דיעזע בעהויפּטען, דאן וואָלט ער ניט געדארפט זיך אימער פערלאָזען אויף דיא קאפּריזען פון א פלונית'טע מיט א פערדרעהעטען קאָפּ וואָס וויל ניט נאָכגעבען —גלאט אזוי אין דער וועלט אריין אָהן א פארוואָס.

עס איז צוואר אמת דאָס דער ריח פון פריש געבראָטענע פלייש און פון פריש געקאָכטען פיש איז ווירקליך מעהר אנגענעהם און ווירקט בעזאָנדערס בעסער אויף דעם חוש־הריח וויא ברוק, ציבעלעס און קרויט. נור עס איז לעכערליך און איין עולה צו בעהויפּטען דאָס דערפאר וואָס א געוויסע זאך ריכט אנגענעהם דאָס מען דארף עס עסען. ווארום אויב אזא טענה וואָלט געווען א ריכטיגע, וואָלטען דאָך אויך דיא קאניבאלען געהאט רעכט. ווארום דיעזע חברה בע־הויפּטען דאָך אויך דאָס אפילו א מיסיאָנער מיט א בערדעל געקאָכט מיט קארטאָפלעס איז א גאנץ געשמאקער מאכל. עס גיעבט פיעלעס וואָס ריכט בעזאָנדערס אנגענעהם ווען עס ווערט פערפערטיגט און דאָך איז עס פון דעסטוועגען ניט בעשטימט אלס שפּייז פארן מענ־שען. געשמארטע לעבער, למשל, ריכט אנגענעהם; קארשען דאגעגען; ריכען גאָר ניט. פון דעסטוועגען וועט איין אידיאָט זיין דער יעניגער וואָס וועט וואגען צו מאכען דיא בעהויפּטונג דאָס דיא אומגעלומ־

פערטע לעבער איז בעסער פארן מענשען אלס שפייז וויא דיא איי־דעלע קארשען וואָס ווירקען אזוי ליעבליך, אזוי אנגענעהם און וואָס טהוען אויף אזוי פיעל גוטעס אין דער מענשליכער געביידע.

א געוויסע פוילישע אקטריצע ווייט און ברייט בעקאנט, האָט קירצליך פאר א צייטונג געשילדערט אין וואָס עס בעשטעהט איהר שפייז־קארטע. איינע פון איהרע ליעבלינגס דעליקאטעסען וואָס איהר געפעהלט אם בעסטען איז זויער־קרויט געקאָכט צוזאמען מיט דעם עק פון א שוויין.

דער עק פון א שוויין איז געבויט אויף דעם זעלבען שניט וויא דער עק פון א ראטץ. אייגענטליך איז גאָר טאקי דער גאנצער חזיר געבויט אויף דעם זעלבען שניט וויא א ראטץ. און דער עק פון אזא עקעלהאפטע בריאה איז ביי איהר א ליעבלינג דעלעקאט. אז מען האָט איהר געפרעגט וויא אזוי זיא קען עסען אזא מין זאָרט געריכט און נאָך מיט נייגיערדע דערצו, האָט זיא געענטפערט וויא יענער חברה־מאן—יענער אידישער שרייבער גוט בעקאנט אין דער לי־טעראַרישער פעלד ווען ער האָט א מאָהל געאָרדערט „פאָרק־טשאפס", שוויין קאָטלעטען, אין מיין געגענווארט, וויא אויך אין ריעזע פון נאָך צוויי אנדערע אידען ; און ווען איינער פון אונז האָט איהם געמאכט פאָרווירפע און האָט איהם געפרעגט וויא אזוי א איד קען אזא עקעלהאפטע שפייז עסען, האָט ער געענטפערט מיט זיין רעכטע האנד אויף דער ברוסט :—

„אזא יאָהר אויף מיר וויא געשמאק עס איז".

* * *

נאָר דיא טענה איז איבערהויפט גאָר אין גאנצען א פאלשע. דער ריח פון דיא מייסטע פרוכט איז גאָר פאסט אימער אנגענעהם. איין יעדער זאָרט גיבט פון זיך ארויס א ליבליכע אראָמא. וואָס איז נאָך אזוי ליבליך און אזוי אנגענעהם וויא דער ריח פון געבראָטענע עפּעל ? אפילו דער ריח פון צוויבעל איז אויך אנגענעהם. עס ווערט דאָך בכיון דערפאר בענוצט צו קאָכען פלייש. דער ריח פון קרויט איז אויך ניט ווידעריג און דער ריח פון ברוק איז אויך ניט אונאנגע־נעהם.

עסען פאר דעם מענשען איז אָבער ניט בעשאפען געוואָרען

ווייל עס ריכט אנגענעהם, אָדער ווייל עס איז געשמאק, זאָנדערן דערפאר ווייל עס איז נעטהיג. חלה איז ניט געשמאק—וואסער איז ניט געשמאק— זיי זיינען אָבער נעטהיג. נור איך מיין אָבער דער־מיט ניט צו בעהויפּטען דאָס דער מענש זאָל ניט האָבען הנאה פון זיין עסען. אדרבה, וואָס געשמאקער און וואָס מעהר הנאה איינער קען האָבען פון עסען זאָל ער עס זעהן אויספיהרען. נור הערינג איז אָבער ניט געשמאקער וויא מאנדלען, און פון פיש קען מען ניט האָ־בען מעהר הנאה וויא פון איין פּאָמעראנץ. דיא צרה איז נור דאָ מענ־שען גיבען זיך יעצט ניט אָב מיט וועגעטעריאנישע שפּייז. זיי מיי־נען אלע דאָס נור אויס האָבער־גריץ, בעבלאך, קרויט, ציבעלע, ברוק, בעשטעהט דיא וועגעטעריאנישע שפּייז קארטע. אויב מענ־שען וואָלטען זיך אזוי אָבגעגעבען מיט וועגעטעריאנישע שפּייז וויא זיי גיבען זיך אָב מיט בר־מנן געריכטען, דאן וואָלטען זיי געקענט פערפערטיגען דיא געשמאקסטע מאכלים פון תבואה, פון ניס, פון פרוכט.

דיא אלגעמיינע מיינונג פון עולם דאָס אין וועגעטעריאנישע מאכלים געפינט זיך קיין טעם, איז ניט נור פאלש, זאָנדערן עס ליעגט דערין עפּעס אזא מין צולאָזענהייט, אזא מין פערדאמטע אויסגעלאסענהייט וועלכע איז אונפערצייליך. מיינט אין דער ווירק־ליכקייט אירגענד וועלכער א פרעסער צו בעהויפּטען דאָס דערפאר וואָס ער האָט שוין פערלאָרען זיין איידעלען געשמאק, און זיין גו־מען איז שוין פערקריפּעלט אזוי דאָס עס קען שוין פערטראָגען אפילו טשו־טאָבאקאָ — מיינט אזא איינער ווירקליך צו בעהויפּטען דאָס יאגדעס און מאלינעס, און קארשען און וויינפּערלעך, עפּעל און בארנעס, פּיטשעס און פלוימען, אפּעלצינען און אפּריקאטען, טרוי־בען און ראָזינען, טייטלען און פייגען, באנאנאס און פאין־אפּעל, מאנדלען און אלערליי זאָרטען ניס, מעלאָנען און אלערליי זאָרטען קירבען, פערשיעדענע קערנער, אלערליי זאָרטען געטריידע און פער־שיעדענע גאטונגען גרינוואַרג—דאָס דיעזע אלע פערשיעדענע פרוכט און פיעלע אנדערע צו פיעל אויסצורעכנען, דאָס דיעזע אלע האָבען שוין גאָר קיין טעם, קיין געשמאק, קיין ווערדע אלס שפּייז, און דאָס נור געפגר'טע פיש אָנגעפילט פול מיט זאלץ און מיט פע־

פער, און געמערדערטע בר־מנן, הערינג, וואורשט און לימבורגער קעז — דאָס נור דיעזע און אזעלכע דעליקאטען מאכען דעם לעבען פון מענשען אנגענעהם און דאָס נור דיעזע אונגליקליכע שפייז האָט דיא נאטור פעראָרדענט אלס שפייז פאר דעם מענשען? טראכט, קלעהרט, דענקט, און נאכהער וועט איהר שוין אליין זעהן אָהן א שפעקטיוו דאָס דיא אורזאכע ווארום מען לאָזט אייך און אלע אנדע־רע וואָס דענקען אזוי ארום געהן פריי און פראנק אין דיא גאסען, איז ווייל עס איז ניטאָ געגוג שטריק.

פליישיגע שפייז שפיעלט נור א ראָלע ביין עסער פארן עסען, נאָכ'ן עסען איז עס איהם פאסט אימער א לאסט. ווארום אבי נור דער הונגער איז געזעטיגט, דאן וואָס איינפאכער א מאכל, איז עס אלס בעסער פאר דער מענשליכער געביידע. ווארום קוים איז נור שפייז פערביי געפאָהרען דעם גוימען, דאן ווייסען ניט מעהר דיא אנדערע אָרגאנען וויא צו שעצען בכבוד אפילו דיא געשמאקסטע מאכלים. קוים האָט עס דער גוימען פערזוכט און האָט עס פון זיך אָבגעשיקט וואו עס בעלאנגט דאן ווערען אלע זאָרטען שפייז בע־האנדעלט אגאל. דער איינציגער אונטרשיעד איז נור, דאָס אָנשטאט וואָס אין דער מענשליכער לאבאראטאָריום, אין דער מענשלי־כער פעקטאָריע, ווערען איינפאכע מאכלים גיך און שנעל בעזאָרגט און טראנספאָרטירט וואו זיי בעלאנגען, ווערען דאגעגען רייכע צו־זאמענגעמישטע שפייז אָבגעהאלטען ביין גרענעץ און גוט אונטער־זוכט צו זעהן אויב עס איז ניט אָפטמאָהל „טריפה סחורה“. א ספע־ציעלער „מאסענפערזאמלונג“ ווערט אָבגעהאלטען אין אזא פאל ביי דיא פערשיעדענע אָרגאנען אין מאָגען, אום זיך ערשטענס צו בעראטהען און צו דערגעהן וואָס דיא מערקווירדיגע ניט נאטירליכע צוזאמענמישענים איז; און צווייטענס פאר וואָס דאָס פאסט; און צו זאָרטירען און עס צושיקען וואו יעדער זאך בעלאנגט—ווארום יעדר זאך האָט איהר בעזונדערע אייגענשאפט און ווירקונג. דיעזע אללע זאכען אויסצוגעפינען איז ניט א גרינגע אויפגאבע—ווייל אין מאָגען, וויא אייך איז פי־ליכט בעקאנט געפינען זיך קיינע פענסטער און עס איז דאר־טען דערפאר אימער פינסטער, און זיי קענען דאָרטען דערפאר ניט

דערגעהן אויף קלאָהר דיא אלע זאכען, און עס פאסירט דערפאר מעהר וויא אָפט דאָס זיי זיינען זיך פון דיעזע צוזאמען מישענים גאָר מיאש—גיבען עס אפילו אָפט קיין פאספאָרט—און דאן איז א מיאוסער עסק! דאָס איז אָפט די אורזאכע ווארום איהר זעהט אין דיא רייכע גאסען וויא עס פאָהרען ארום גיך און וויא עס פליהען געשווינד קארעטעס, אז איהר זעהט וויא דיעזע קארעטעס פליהען אין גרויס היילעניש, מיינט איהר דאָך געוויס דאָס דיא לייט וואָס זיצען זיך בּדייטליך אויסגעשפרייט, פאָהרען מסתמא שפאציערען אין פארק—און איהר זייט זיי שוין געוויס מקנא; און אייך פערדריסט שוין מסתמא פאר וואָס איהר זיצט נעבאך אויך ניט אזוי ברייטלאך אויסגעשפרייט אין א קארעטע און פליהט אויך ניט שפאצירען. נור עס איז אין גאנצען א מיסטייק—יענע לייט איז ניטאָ וואָס מקנא צו זיין—דאָס לויפען שוין נעבאך דיעזע חברה, ניט פאר אייך געדאכט, אויף גרויסע צרות — צו א דאָקטאָר נאָך א פאספאָרט פליהען זיי שוין נעבאך. אז אָך און וועה נעבאך צו זיי!

---

## קאפיטעל 6.

„—דיא נייגונג וואָס דער מענש האָט צו פלייש, בעווייזט דאָס דער מענש איז געבאָרען צו עסען פלייש“, שרייבט נאָך איינער.

ענטפער:— אקוראט וויא מענשען וואָלטען ניט געהאט נאָך א שטארקערע נייגונג צו שנאפס, טשו־טאָבאקאָ און אלע אנדערע אזעלכע „נייגונגען“ וואָס זיינען מעהר וויא אָפט ווארע סם המות פאר איהם. און קען מען אָנרופען אזא נייגונג א געבאָרענער און נא־טירליכער אינסטינקט?

דיא נייגונג צו עסען פלייש איז ביי מענשען ניט געבאָרען— עס ווערט שפעטער ענטוויקעלט דורך געוואָהנהייט. האָב א מאָהל בייגעוואָהנט אין דער הויז פון א בעקאנטען ווי מען האָט דערלאנגט צום טיש געבראָטענע הערינג פערפערטיגט במנהג אשכנז אין פו־טער און צוויבעל. דיא עלטערע מענשען האָבען פון דיעזען געריכט געגעסען מיט גרויס נייגירדע. דאָס אינגסטע קינד אָבער האָט זיך שטארק פערקרימט נאכהער וויא זיא האָט דערפון בלויז איין שטי־

קעל געגעסען און האָט עס אָהנע צערעמאָניעס פון זיך אָבגעשטופּט. דיא מאמע האָט עס דערזעהן און איז געוואָרען אין כעס.

„ווארום עסט עס ניט?" האָט זיא געשריען וויא א חזן.

„גלייך עס ניט", האָט דאָס קינד געענטפערט.

„גלייכסט עס ניט", האָט דיא מאמע געשריען בקול רם, „וואָס מיינסטו איך וועל דיר אפשר קאָרמענען אויף קענדי? עס דיא הערינג ווארום איך ממית דיר אויף דער שטעלע!"

„לאָז דאָס קינד צופריעדען", האָט דער טאטע זיך אריינגע־מישט. „דיא הערינג האָט טאקי ביכולת ארונטער צו ברענען דעם דאך פון מויל, אזוי שרעקליך זאלציג און שארף געווירצט אין פע־פער איז עס":

„נו, איז שוין א וואונדער וואָס דיא קינדער זיינען צולאָזען?" האָט זיך דיא חזן'טע פערנאנדער געלאָזען אָבצוגעבען קאָנצערט, און האָט יעצט דעם מאן מכבד געוועזן מיט א פּאָרציע.דאָס קינד איז דעם מאָהל ניצול געוואָרען, נור וויא לאנג קען עס אָבער א קינד זיין אזוי דרייסט און ניט נאכגיביג אונטער דעם יאָך פון אזא קאפּ־ריזנע מאמע? נאָך א פּאָאר אזעלכע דרשות, וועט שוין דאָס קינד ניט וואגען אוועק צו שטופּען פון זיך מיט פעראכטונג א מאכל וואָס איהר איז נאטירליך ווידריג, און דער סוף ווערט דאָס עס געוואָהנט זיך ענדליך איין צו ווילדע שפּייז. עס האָט אלזאָ גאָר ניט צו טאָהן מיט אינסטינקט אָדער נאטירליכע נייגונג וויא איהר בעהויפּטעט.

נור דאָס מערקווירדיגסטע דערביי איז, דאָס וועהרענד דיא גע־וואָהנהייט פון פלייש עסען איז דוכט זיך שוין געוואָרען דיא צוויי־טע נאטור; און מענשען מיינען דאָס אנדערש קען מען שוין גאָר ניט אויסקומען ווי צו עסען פלייש; און אין דער ווירקליכקייט ווערט טאקי יעדער אייגענשאפט, יעדער געוואָהנהייט וואָס געהט איבער פון עלטערן צו קינדער איין אייביגע ירושה; און עס האָט שוין טאקע געדארפט ווערען דאָס דער מענש זאָל שוין יעצט זיין אויס אינס־טינקט א נאטירליכער פלייש עסער—ביי אלעם דעם האָט דער מענש אויס אינסטינקט א נייגונג נור צו פרוכט און זיין ערשטער פערלאנג איז ניט פלייש. א קינד איידער עס געוואָהנט זיך איין, עסט פרוכט און זיסע זאכען מיט מעהר נייגירדע וויא פלייש; און ווען איינער

הערט אויף גענצליך צו עסען פלייש, אפילו שוין שפעט אין לעבען, און לעבט כסדר עטליכע יאָהר אויף נאטירליכע שפייז, קען ער זיך נאכהער ניט אבוואונדערן גענוג וויא אזוי ער האָט א מאָהל גאָר געפּועלט ביי זיך צו עסען פון דעם טוידטען קערפּער פון א געמערדע־טע בעשעפּענים. דיא נאטירליכע נייגונג אונטער אזעלכע אומשטענ־דען קריעגט דיא אויבערמאכט איבער דיא געוואָהנהייט, און דער מענש אין איהם ערקלעהרט זיך ווידער און פערניכטעט אין זיך דיא חיה וועלכע ער האָט אין זיך ערצויגען דורך געוואָהנהייט.

ניין, עס איז פּאָזיטיוו ניט א נאטירליכע נייגונג, זאָנדערן א געוואָהנהייט. א נאטירליכע נייגונג צו עסען מויז, האָט נור דיא קאץ; צו עסען שעפּס האָט נור דער וואָלף. דער מענש אָבער האָט ניט אזא נאטירליכע נייגונג.דער מענש וועט ניט קוקען אויף א בהמה וועהרענד עס לעבט און זיך פארשטעלען אין זיין געדאנקען וואָס פאַר א גוטען ביף־סטעק ער קען דערפון האָבען; און וועט זיך אויף דער שטעלע צו כאפּען דערצו מיט נייגירדע און עס פערצוקען—וויא א וואָלף וועט טאָהן מיט א שעפּס. דער מענש האָט נור א נייגונג צו פלייש דאן ווען עס איז שעהן סערווירט און זעהט ניט מעהר אויס וויא פלייש—ווען עס איז געקאָכט, געשמארט, געבראָטען. פּרובירט אָבער איינעם אריינפיהרען אין א שלאכט הויז, און דאָר־טען אויף דער שטעלע וואו דיא בהמה איז ערמאָרדעט געוואָרען, פּרובירט איהם דאן צו געבען א שטיק פלייש דערפון און עס וועט זיך ניט געפינען איינער אין הונדערט טויזענד וואָס זאָל דאָס טאָהן —סיידען אויף א וועט, אָדער אויסצופיהרען איין אמביציע. זיין נאַ־טירליכע נייגונג, זיין מענשליכער אינסטינקט וועט איהם דיקטירען צו האָבען אבשיי צו טאָהן אזא זאך. וועהרענד אין א וויינגאָרטען אָדער אין א פרוכט סטאָר וועט יא דער מענש אינסטינקט מעסיג פערזוכען און עסען פון דיא פרוכט אויף דער שטעלע.

* * *

„—וואָס וועט מען טאָהן אין א מלחמה — קאָרמענען סאָלדאַ־טען מיט אפּעלסינען און מאנדלען פיליכט?“ פרעגט נאָך איינער. ענטפער:— געווים, וויא דען? מיט וואָס מיין הארר האָט

איהר ברעה צו קאָרמענען סאָלדאטען אין א מלחמה — מיט געפּרע־געלטע קרעפּלאך און שאמפּאניער פּילייכט, א קשיא אויף א מעשה!

אין ליעבע און אין מלחמה איז אלעס ערלויבט, זאָגט דער עולם א ווערטעל. נור אויב „איינגעבאלזאמירטע“ בר־מנן איז נעט־היג פאר אזעלכע וואָס געהן אין מלחמה צו מאָרדען, אָדער ערמאָר־דעט צו ווערן, איז נאָך דערפאר ניט געדרונגען דאָס אזא ארט שפּייז איז אויך נעטהיג און פּאסיג פאר רוהיגע מענשען וועלכע פּיהלען, דענקען און ווילען לעבען.

עס איז גאנץ מעגליך דאָס פלייש וועט דעם סאָלדאט בעזאָרגען מיט מעהר פון דיא ברוטאלישע קראפט נעטהיג אויף דער שלאכט פעלד, וויא א געבלעטערטער קוגעל, נור וואצו דארף דער געלאסענער מענש דיעזען ווילדען קוראזש, דיעזע אוננאטירליכע קראפט וואָס איז נעטהיג דעם סאָלדאט אין א מלחמה? עס איז גאנץ מעגליך דאָב ראָזשינקעס מיט מאנדלען איז קיין פאסענדע שפּייז פאר פערד גנבים—נור מיינערטוועגען קענען זיך געפינען ווענינער פּרע־זידענטען פון חברות.

* * *

„—וואצו אלזאָ זיינען אָכסען, שעפּסען, עופות, אין גאנצען בע־שאפען אויב ניט צוליעב שפּייז פארן מענשען?“ פרעגט שוין וויע־דער איינער.

ענטפער:—קיין מאָהל זעהט דער מענש אויס אזוי נאריש און לעבערליך וויא דאן ווען ער זאָגט דאָס אלעס אויף דער וועלט איז נור בעשאפען געוואָרען צוליעב איהם פאר זיין שפּייז, פאר זיין קליידונג, פאר זיין פערגעניגענד. עס עקזיסטירען פּלאנעטען אָהן א צאָהל, עס לעבען חיות, עופות און פיש אזעלכע וואָס דער מענש האָט נאָך מיט זיי אפילו קיין בעקאנטשאפט געמאכט; און אלעס, מיינט דער נארישער מענש, איז בלויז בעשאפען געוואָרען נור פאר זיין געברויך—אלס שכר, אלס בעלאָהנונג דערפאר וואָס ער קען פערקויפען קנעפּלאך און קען פאבריצירען „קניע פּענטס“.

לעבעדיגע בעשעפינסע ציהען לעבען פון דער זעלבער קוועלע וויא מיר אלע; און זיי האָבען דערפאר א רעכט צו לעבען וויא מיר

Ex bibl. univ. Tart.

אלע. כל־זמן זיי שטעהען אונז ניט אין וועג און שאדען ניט אונ־זערע אינטערעסען, האָט ניעמאנד קיין שום רעכט אויף זייער לעבען.

„מי יודע רוח בני האדם העלה היא למעלה ורוח הבהמה הירדת למטה לארץ"—וועד ווייס אויב דער גייסט פון מענשען שטייגט ארויף הויבען און אויב דער גייסט פון דער בהמה געהט ארונטער אינטער דער ערד, פרעגט דער גרויסער פילאָזאָף קהלת. דיעזער גייסטרייכער חכם האָט דיעזע וויכטיגע פראגע ניט געקענט ענטשיידען, און מאנכע קליינע חיים'לעך מיינען דאָס זיי זיינען שוין דעם סוד דערגאנגען. „החקר אלוה תמצא—אם עד תכלית שדי תמצא גבאי שמים כה תפעל עמקה משאול מה תדע!" וואָס ווייסען מיר נאָך אלעמען דאָס וואָס איז העכער פאר אונז? געוויס איז יעדער בעשעפעניס בעשאפען געוואָרען פאר א צוועק—יעדער זאך אין דער נאטור איז נעטהיג, האָט עפּעס א מין שליחות אויסצופיהרען. עס האָט א מאָהל איינער געפרעגט וואצו מען דארף פליי? מען דארף דיזע הברה פאר הינט, האָט ער געקראָגען איין ענטפער; ווייל פליי בעשעפטיגען א הונט נאָכאנאנד און האלטען איהם אין א צושטאנד עס זאָל איהם ניט ליגען אין זינען נאָכצודענקען דאָס ער איז א הינט, אין זיין דערפאר ביי זיך געפאלען.

קיין צווייפעל דאָס יעדע זאך אין דער נאטור—פון א אינזעקט ביז דעם גרעסטען עלעפאנט האָט יעדערער איהר בעזאָנדערע אויפ־גאבע און איז בעשאפען פיר א העכערען צוועק וויא מיר קליינע חיים'לעך קענען גאָר אָנפאנגען צו פערשטעהן.

* * *

„--אזוי וויא אלע חיות מוזען דאָך ענדליך שטארבען, איז דאָך פאר דער וועלט פיעל גלייכער זיי זאָלען בעסער פערצעהרט ווערן אלס שפייז", איז דיא מערקווירדיגע טענה פון נאָך איינעם.

ענטפער:— וויא וואָלט אייך געפעהלען אויב מען וואָלט דעם זעלבען ארגומענט אָנמעסטען אויף אייך אליין אין בעצוג מיט קאַ־ניבאלען? אזוי וויא דער מענש דארף דאָך ענדליך שטארבען, וואָלט אפשר געווען א סברה דאָס מען זאָל בעסער בעזארגען א ווילדען קאַ־ניבאל מיט א געשמאקען מיטאָג, איידער זיך לאָזען בעגראָבען.

## קאפיטעל 7.

„—אויב אייער אידעע זאָל ווען ענדליך ווערען אויסגעפיהרט, אין מענשען וועלען אייפהערען צו עסען פלייש, וועלען דאָך בהמות זיך אזוי פערמעהרען ביז זיי וועלען אונז פערפלייצען און וועלען ענדליך פערצעהרען אלע פראָדוקטען וואָס דער מענש דארף פאר זיין געברויך. וויא אזוי קענט איהר אזא וויכטיגע פראגע פערטהייריגען?" פרעגט מיט גרויס שרעק נאָך איינער.

ענטפער:— א ריכטיגע טענה אפילו—א נעטער ארגומענט—א רעכטע מטבעה—א שעהנע ביסעל מזומן—נור דאָך וועניג—זעהר וועניג. דערלאנגט, זייט מוחל עפּעס נאָך סחורה—בעסערע ארגומענטען. דאן וועל איך פיליכט מיט אייך מאכען ביזנעס, זאָנסט איז דער עסק צו קראָכען. איך ווייס ניט וואָס מען ענטפערט אייך סיידען איך זאָל אייך זאָגען דאָס ווען אזא פאל וועט פאסירען און בהמות וועלען ווערען אזוי געדיכט וויא צרות, וועלען זיך שוין מסתמא דאן געפינען גנבים און וועלען דיא בהמות צו גנבענען—ווי עס פאסירט מיט פערד. וויא דען אנדערש האָט איהר געמיינט וועט זיין?

* * *

שוין דאָך געוויס געהערט פון יענע פויערן וועלכע האָבען בשום אופן ניט געקענט פערשטעהן און דערגעהן דעם סוד וויא אזוי עס קומט דאָס בהמות וועלכע מען מערדערט אויס אזוי פיעל אלע יאָהר, זיינען פון דעסטוועגען ביליג און פיעל בנמצא,וועהרענד פערד וועלכע מען קוילעט ניט און מען בענוצט בלויז דיא אויסגעדינטע אלטע זקנים פאר „כשרה" ווארשט, זיינען פון דעסטוועגען דאָ בלויז וועניג און זיינען טהייער?

זיי האָבען דעם גאנצען עסק ניט געקענט פערשטעהן ביז ענדליך איינער א גרויסער חכם האָט עס זיי נאטירליך ערקלעהרט. „די אורזאכע ווארום פערד זיינען ניטאָ פיעל איז ווייל מען לאבערט זיי צו אזוי אָפט — ווייל מען גנב'עט זיי נאָכאנאנד".

יעצט איז עס שוין גאנץ פערשטענדליך—קלאָהר ווי בלאָטע! אזוי האָט זיי יענער חכם ערקלעהרט און אזוי איז ביי יענע

פויערן פערבליעבען, און דיעזען שארף־זיניגען איינפאל מוז איך יעצט בענוצען אלס ענטפער אויף אייער פראגע.

אין פאל פון איבערפלוס פון בהמות אין דער וועלט וועלען זיך שוין געוויס געפינען גנבים און דיעזע וועלען דיא איבריגע בהמות צו לאבערן. עס וועלען פיעלע און פיעלע אוועקווארפען זייערע גע־וועהר—זייערע עמטע אלס וויים פרעזידענטען און קאָמיטע לייט, פּאָליטישענס און ביליגע פילאנטראָפּען און וועלען צוריק ווערען פערד גנבים, אָדער בעסער געזאָגט בהמות גנבים. אויף אזא ארט וועט אייער פראגע גענצליך געלעזט ווערן—פערשטאנדען מיין הערר? יעצט דוכט זיך איז שוין אלעס דייטליך ערקלעהרט, און עס איז קלאָהר — וויא בלאָטע.

ווארום פאלט אייך ניט איין צו פרעגען וויא אזוי עס קומט דאָס דיא יעניגע חיות וועלכע זיינען פאר דעם מענשען ניט נעט־היג דאָס דיעזע ווערען אין פערלויף פון צייט גענצליך פערשוואונ־דען? געפינט איהר פאר א ביישפּיעל עפּעס פיעל לעמפּערטען, וועלף, טיגערס אין דיא פלעצער וואו מענשען וואָהנען? אזוי שנעל וויא א געוויסע בעשעפּענים הערט אויף צו זיין נעטהיג אין א געווי־סען אָרט, זאָרגט שוין דיא נאטור אליין דאָס דיעזע בעשעפּענים זאָל פון יענעם ארט פערשווינדען, אָדער עס זאָל זיך אויפהערען צו פערמעהרען. יעדר זאך איז אין דער נאטור נעטהיג. אָדער זיא האָט פאר זיך אליין אן אויפגאבע, אָדער זיא איז עפּעס א מין פאָלגע פון א געוויסע אורזאכע. אין דיא ווילדע פלעצער, למשל, וואו מענ־שען געפינען זיך ניט, געפינען זיך ווילדע טהירע. דיא נאטור מוז זיי האָבען צו בעוועגען דיא לופט. גראדע וויא א טייך דארף האָבען פיש דאָס זיי זאָלען בעוועגען דאָס וואסער עס זאָל לויפען אין א שטראָם, און ניט פערבלייבען שטעהענדיג נאָכאנאנד און אויף אזא ארט פערדאָרבען ווערן, אזוי דארף דיא נאטור אין איהרע רוהיגע גע־גענדען האָבען חיות אזעלכע וועלכע זאָלען זיך אין איהר בעוועגען מיט א ווילדען אימפּעט אום דיא לופט זאָל ניט פערגליווערט ווע־רען און אויף אזא ארט פערדאָרבען ווערען. אנדערע בעשעפּעניסע אין דער נאטור האָבען שוין ניט דיזע אויפגאבע, נור די נאטור מוז זיי אָבער האָבען זעהר נעטהיג—וויא אינזעקטען, למשל, וואו דיא

לופט איז פערדאָרבען. וואו דיא לופט איז ניט ריין ענטוויקלען זיך געוועהנליך אזעלכע ברואים. די וויסענשאפט ערקלעהרט דאָס פאלכ וואנצען וואָלטען זיך ניט ענטוויקעלט דאָרטען וואו עס איז ענג און דיא לופט ווערט דאדורך פערדאָרבען, וואָלט זיך אין אזא פאל דיא שלעכטע לופט ענטוויקעלט אין א געפעהרליכע פעסט.

„מה רבו מעשיך ה׳ כלם בחכמה עשות!“

דיא גאנצע אָרדנונג אין דער נאטור איז פול מיט חכמה, און דאָס וואָס מען דענקט א מאָהל דאָס א געוויסע אָרדנונג איז ניט ריכטיג און איז אונערבארעמליך, איז דיעזע זעלבע איינריכטונג יעצט רעכט פול מיט שכל, מיט רחמנות און מיט דער גרעסטער פאָרזיכט.

אלעס איז אין דער נאטור נעטהיג—אלעס האָט עפּעס א שליחות אויסצופיהרען. קוים אָבער האָבען זיי דיא שליחות אויס גע־פיהרט, קריעגען זיי געוועהנליך א „מוף־צעטעל“ און מען הייסט זיי זיך אָבטראָגען. קוים בענעטהיגט זיך שוין ניט מעהר דיא נאטור אין דער בעשעפענים וואָס זיא דארף האָבען צו איהר צוועק; אָדער קוים ווערט אָבגעשאפט יענע אורזאכע וואָס א געוויסע בעשעפענים איז דערפון א נאטירליכע פאָלגע, דאן הערען זיי אויף צו עקזיסטי־רען.

אין דיא לעצטע צייטען, למשל, האָט דיא רעגיערונג אָנגעהויבען צו זוכען מיטלען וויא אזוי לויז צו ווערען פון דעם ביטערן שלאק —פון „מאָסקיטאָס“. פיעלע מיטלען זיינען געוואָרען אָנגעווענדעט. עס איז אָבער אין מיט׳ן געקומען דיא וויסענשאפט און האָט פּאק־טיש בעוויעזען דאָס פאלס מען וועט פערניכטען דיא מאָסקיטאָס אין דיא פּלעצער איבערהויפּט וואו עס איז זומפּיג און וואו זיי פּרוכפּערן זיך, דאן קען מען ערוואַרטען א מגפה. ווארום קוים ווערט ווארעם און דיא זומפּען דורך דיא שטראהלען פון דער זון לאָזען זיך פערנאנדער און לאָזען פון זיך הערען, פאנגען דאן אָן דיא מאָסקי־טאָס זייער טהעטיגקייט און זאפּען אין זיך אריין אלעס אונריינעס, וואָס דיא זומפּען גיבען פון זיך ארויס. ווארום דאָס איז זייער לעבען—פון דיא פערפעסטעטע לופט ציהען זיי חיונה. מען האָט עס פּרובירט מיט 2 בארעלס וואסער, איינע פון וועלכע איז געוואָרען

פערדעקט מיט א טולענע דעקע וואו דיא לופט האָט געקענט אריין קומען, נור וואו מאָסקיטאָס האָבען דערצו ניט געקענט צוקומען; און דיא צווייטע האָט מען געלאָזט גענצליך אָפען.ביידע האָט מען אוועק געשטעלט אין דער ליכטיגקייט פון דער זון; און אין פערלויף פון צייט, איז דיא פערדעקטע בארעל געוואָרען שרעקליך פערפעסטעט; דיא וואסער פון דיא צווייטע וואו דיא מאָסקיטאס האָבען געקענט צו קומען איז אָבער געוועזן זיס און פריש. דיא מאָסקיטאָס האָבען געקענט צוקומען און אריינזאפּען אין זיך דיא שלעכטע ווירקונג וואָס האָט זיך אין דער בארעל וואסער ענטוויקעלט.

וויא מערקווירדיג וואונדערבאר דיא נאטור ארבייט איז ארויסצוזעהן ווען עס שטארבט א געוויסע בעשעפענים אין א געגענד וואו עס זיינען ניטאָ מענשען וואָס זאָלען העלפען דיא נבלה אָבצוראמען. עס שטארבט, למשל, א פערד אין א וואלד. דיא נאטור קען ניט פערטראָגען אויף דער ערד א טוידטע זאך—גיבט נאָך ניט איין טוידטע זאך וואָס דיא נאטור זאָל עס דולדען אין דער עפענטליכקייט פון דער זון. עס איז ניטאָ ווער עס זאָל דיא נבלה אוועק רוימען. עס וועט פעראורזאכען א פעסט פאלס דיעזע נבלה און נאָך אנדערע אזעלכע וועלען אין דער לופט לאנג פערבלייבען; און דיא נאטור שיקט א פּאָר פון איהרע אמבאסאדאָרען—שיקט א פּאָאר פּאָלק פליעגען וועלכע נעהמען זיך צום עסק. לויט וויסענשאפטליכע בעווייזע פערמעהרען זיך דיעזע פּאָאר פּאָלק פליגען אזוי אונגעהייער פיעל, דאָס אין פערלויף פון 24 שטונדען קענען זיי אלע אליין פערצעהרען דעם גאנצען פערד. אויב דיעזע פליגען וואָלטען זיך כסדר אזוי געדיכט פערמעהרט, קען זיך א יעדער פּאָרשטעלען וויא דיזע וועלט וואָלט אויסגעזעהן אין בלויז אפילו ניט מעהר ווי אין איין מאָנאט. דארף אָבער פאסירען דאָס עס געפינען זיך פערשידענע גאטונגען זשוקעס וואָס האָבען ליעב פליגען וויא מאנכע האָבען ליעב ווארשטלאך, און דיעזע ווערען פערצעהרט ביי דיא זשוקעס אין דיא מיליאָנען און בלויז אין א קורצע צייט. יעצט זיינען שוין דיעזע חברה אויפ'ן פּלאָאר און זיי האָבען שוין דאָס וואָרט, דיעזע לייט קענען זיך אָבער אויך פערשפרייטען ברייטלאך וויא א חאָלעריע אין א קורצע צייט פאלס זיי זאָלען האָבען פרייען לויף. דארף

אָבער פאַסירען דאָס עס געפינט זיך א געוויסער זאָרט פעלד־מויז וואָס קען זיך ניט בעגעהן אָהן זשוקעס צו יעדער מאָהל ווען ער געהט עסען מיטאָג, און ער לעבט דערפאר א גוטען טאָג אויף זייער רעכנונג. דיעזע פעלד־מייז קענען אָבער אויך מאַנאָפּאָליזירען דיא וועלט פאלס זיי זאָלען ניט זיין געשטערט און דיא נאטור זאָל זיי זיך לאָזען פרוכפּערן, און דיא פעלד־מייז וואָלטען איבערפילט און פערוויסטעט אלעס אין זייער וועג. דארף אָבער פאַסירען דאָס א פוכס האָט קיין בעשטענדיגע ביזנעס און מוז מאכען א לעבען פון ווינד; און וויא ער געהט אזוי זוכען פּרנסה און פליהט וואלד איין וואלד אויס, קומט ער אָפּט אין בעצוג מיט יענע פעלד מייז און אָהנע פיעל צערעמאָניעס לאדעט ער זיי ביי זיך אריין. ער אויך וואָלט געמאכט א סך־הכל פון דער וועלט אויב ער זאָל האָבען פרייען לויף, דארף אָבער פאַסירען דאָס נאכהער וויא ער איז געוואָרען פערטיג מיט זיין מיטאָג און ער פיהלט זיך זעהר בעקוועם, און לעגט זיך אוועק אויסרוהען, און ציהט אוים ברייטליך זיינע פים אויף דער פּיאנאָ, און פערויכט זיך געמיטליך א סיגאר — דארף פאַסירען דאָס א יעגער מיט מעהר געלד און מיט מעהר צייט וויא פערשטאנד, קומט גראדע אין בעצוג מיט יענעם פוכס, און איידער יענער חברה־מאן האָט נאָך צייט צו מאכען פּליטה, ליגט ער שוין אויסגעצויגען שטייף און פלאך—און חאָטש געה רוף דיא חברה־קדישא! מעהר ווי אָפּט פאַסירט אויך דאָס דער יעגער פאר גרוים היילעניש צו כאפּען דעם פוקס, פאלט פון זיין פערד און ברעכט זיין קארג,רוקען און לענד—און אויף אזא ארט ווערט אויך דערוויילע לויז דיא וועלט פון נאָך אן אָנשיקעניש, פון א פערדרעהטען קאָפּ וואָס קען ניט געפינען איין אנדער פערגעניגענד וויא נור זיך ארום צו טרייבען גאנצע טעג אויף דעם געיעג און שיסען און מערדערן.

„מה גדלו מעשיך ה' מאוד עמקו מחשבתיך! איש בער לא ידע וכסיל לא יבין את זאת“.

און דאָ האָט איהר דיא גאנצע טיעפע פילאָזאָפיע פון חד־גדיא.

„ואתא הקדוש ברוך הוא ושחט למלאך המות — דשחט לשוחט—דשחט לתורא—דשתא למיא—דכבה לנורא—דשרף

לחוטרא—דהכה לכלבא—דנשך לשונרא—דאכלל לגדיא דזבין אבא בתרי זוזי—חד גדיא! חד—גדיא!

און דאָ האָט איהר דיא גאנצע נאטור'ס אָרדנונג אין א פינ־גער הוט—און א רעכט נעטע אָרדנונג איז עס אויך! ווער מיט פערשטאנד וועט וואגען צו מאכען דיא בעהויפטונג דאָס א גרויסע אונזיכטבארע קראפט רעגיערט ניט דער וועלט'ס אומשטענדען און דאָס א גרויסער גאָט איז ניט דער בעשעפער פון אלעם?

דערפאר זאָג איך, דאָס אזוי שנעל וויא בהמות וואָלטען אויפ־געהערט צו זיין נעטהיג, וואָלט ערשטענס דער מענש זיי אויפגע־הערט צו פראָדוצירען אָדער צו פערמעהרען וויא ער טהוט יעצט; און צווייטענס וואָלט שוין דיא נאטור אליין דערויף אכטונג געגע־בען און וואָלט אויפגעזוכט א מיטעל וויא פון דיעזע לייט לויז צו ווערען. און עס איז גאנץ מעגליך דאָס נאָך אלעמען וואָלט אפשר גאָר ניט נעטהיג געווען דאָס דיא קהל'שע מאכערס, וויים פרעזידענ־טען, קאָמיטע לייט, פראָפעסיאָנעלע פילאנטראָפען, פראָפעסיאָנעלע לאָדזשען ברידער וכל כת דלהון, זאָלען צערשטויסען זייערע אקער אייזענס און מאכען פון זיי געוועהר—דאָס זיי זאָלען אוועק ווער־פען זייערע עמטע און זיך צוריק אומקעהרען צו זייערע אמאָליגע פרנסות—צו לאבערן פערד, אָדער בעסער געזאָגט צו גנב'ענען בהמות.

---

## קאפיטעל 7.

„—אויב בהמות זאָלען ניט מעהר בענוצט ווערען צור מענשלי־כען געברויך, טאָ פון וואנען וועט מען קריעגען שטיוועל?" פרעגט שוין וויעדער נאָך איינער.

ענטפער:— שיך פון פעל וועלען שוין יעדענפאלס לאנג ניט געמאכט ווערען. מען מאכט יעצט נאָכאנאד ערפינדונגען פון גע־וויסע מאטעריאלען אזעלכע וואָס זאָל גאָר אייגענטליך זיין בעסער. ביליגער און געזינטער וויא לעדער—געזינטער געוויס, ווארום לויט דיא בעהויפטונגען פון אוטאָריטעטען זאָל גאָר לעדער זיין זעהר אונגעזונד פאר דיא פיס און פאָלגליך פאר דיא גאנצע געביידע פון מענשען. לעדער פערשפארט די לופט גענצליך פון די פיס און עס

מאכט דאדורך אַן גרויסע צרות. שוין ווערט געמאכט שיך פאר דיא וואָס היטען זיך שטארק אין געזונד און ווילען זיין בעזאָנדערס ריין, פון אנדערע מאטעריאל וויא פון לעדער. דיא חינעזישע שיך זיינען דיא בעסטע און דיא בעקוועמליכסטע וואָס דער מענש קען טראָגען, און דיזע ווערען ניט געמאכט פון לעדער, זאָנדערן פון א מין געוועב אלס אויבערשלאג און אויס גומי אלס פונדאמענט. עס איז א פערגעניגענד אין אזעלכע שיך צו געהן. דער טריט אין זיי איז ווייך און איז ניט אזוי אומגעלומפערט וויא שטיוועל מיט האַ־לאוועס, אָדער אפילו שיך מיט אבסאצען. אויסער דעם לאָזען זיי ארייין לופט. די נארישע וועלט וויל ניט נאָכגעבען און אָננעהמען די חינעזישע שיך, נור מענשען ווייסען גאָר ניט וויא פיעל זיי פער־ליערען דאדורך.

א אידישער דין געפינט זיך אירגענד וואו וואָס פערביטעט דאָס מען זאָל צו ווינשעווען „תתחדש" ווען מען טהוט אָן נייע שיך — וויא עס איז געוועהנליך דיא מאָדע צו זאָגען ווען מען טהוט אָן א נייע קלייד. דיא אורזאכע דערפאר גיבט אָן דיזער דין איז „משום צער בעלי חיים"—און א רעכט נעטער, שעהנער, געפיהלפאָלער דין איז עס אויך!

* * *

„—איז דען די לופט, וואסער און אלע מאכלים ניט אָנגעפילט מיט קליינע לעבעדיגע בעשעפעניסע, אָדער מיקראָבען ? דאָס אליין בעווייזט דאָס דיא נאטור האָט דעם מענשען בעשטימט צו עסען זאכען וואָס ענטהאלטען לעבען", איז דיא טענה פון נאָך איינעם.

ענטפער :— אין דער לופט געפינען זיך צוואר קליינע בעשע־פעניסע, אָדער מיקראָבען, נור מיינט ניט דאָס דער מענש עטהעמט דיזע אין זיך אריין. דער נאָז, דיא אויערן און דיא ליפען זיינען אזוי געבויט, דאָס זיי לאָזען אין זיך אריין ניכטס מעהר וויא בלויז ריינע לופט. די אלע אנדערע זאכען וואָס געפינען זיך אָבער אין דער לופט לאָזען דיזע אָרגאנען ניט אריין אין דער מענשליכער געביידע. אלעס וואָס איז ניט פאסיג אין דער לופט וואָס דער מענש עטהעמט אין זיך אריין קלעבט זיך צו אָן נאָז אָדער ביין אריינגאנג אין דיא אויערן און זיי קענען ניט אריין אינוועניג אין דער געביידע. אויב

הלילה דיעזע ברואים'לעך וואָלטען יא געקענט אריין, וואָלטען זיך דיעזע הברה אין בלויז א קורצע צייט דאָרטען אזוי גע‏דיכט פער־נאנדער געלאָזען, און וואָלטען דאָרטען אָנגעמאכט אזוי פיעל צרות דאָס דער מענש וואָלט איין טאָג ניט געקענט עקזיסטירען.

עסען און טרינקען דארף טאקע זיין ריין—„על אלה אני בוכיה", דערויף קלאָגט טאקע דער מקונן. מיין גאנצע טענה איז דאָך דאָס דער מענש דארף עסען בלויז זאכען וואָס זיינען ריין און ניט פערפאקט מיט מיקראָבען וויא פלייש און אנדערע בר־מנן און אפילו אנדערע זאכען; און דאָס קען מען נור אויספיהרען מיט א שפייז פון פרוכט, ניס און קערנער. נאטירליכע שפייז ענטהאלטען קיינע מיקראָבען. איהר געפינט קיינע מיקראָבען אין א מאנדעל ווען עס איז אין דער שאָל, אין א געזונטען אפּעלצין, אָדער אין איין עפּעל; און קערנער אפילו זיינען אויך ריין נאכהער וויא מען וואשט זיי ארום. פלייש דאגעגען איז אונמעגליך דאָס עס זאָל ניט ענטהאלטען מיק־ראָבען.

* * *

„—איהר אליין בעהויפּטעט דאָס יעדער פלאנצונג ענטהאלט לעבען, וויא אזוי קומט עס אלזאָ דאָס איהר הייסט עס מענשען עסען ?" פאָהרט ארוים מיט א פּרעטענזיע נאָך איינער.

ענטפער:—געוויס ענטהאלט יעדער פלאנצונג אין זיך לעבען. יעדער קערענדעל, יעדער זוים, שוואנגערט מיט לעבען. יעדער קערי איז א קליינע בוטעלקעלע פול אָנגעפּאקט מיט לעבען. פלאנצט עס און עס וואכסט און עס לעבט און עס האָט קינדער און אייניקלאך און קאָזענס—א גאנצע משפחה, אויסער א שוויגער! נור ערשטענס איז עפּעס דאָ אן אונטערשיעד צווישען דעם לעבען פון א בעבעל און דעם לעבען פון א אכס. דיא האָאר אין א מענשען לעבט אויך, פונ־דעסטוועגען טהוט עס ניט וועה ווען מען שניידט עס. דעם בעבעל טהוט ניט וועה ווען איהר עסט עס; דער אָכס אָבער ליידעט אונ־בעשרייבליכע יסורים ווען עס ווערט ערמאָרדעט. צווייטענס פער־שטעהט איהר מיר דאָך גאָר אין גאנצען ניט. איך הייס דאָך דיא גאנצע צייט עסען נור לעבעדיגע זאכען. איך בין בלויז דאגעגען „בר־מנן"—מת, דער|הרג|עטע בעשעפעניסע. איך לעהרן מענשען

זיי זאָלען ניט עסען נבלה—טויטע, פערפוילטע זאכען. א עפּעל ווען עס איז פערפוילט איז אויך געפעהרליך אלס שפייז. אויב דער מענש וואָלט עסען א טויב, למשל, לעבעדיגערהייד און ער וואָלט אויף אזא ארט געקענט אריין ציהען אין זיך איהר גאנצען לעבען, וואָלט דאן מעהר ניט געווען דיא פראגע פון רחמנות. דיא צרה איז דאָך אָבער דאָס דער מענש עסט א טויב ווען עס איז שוין טויט און אין אזא צושטאנד האָט עס אין זיך אזוי פיעל לעבען וויא א טשוואק. ווארום לויט קירצליכע ערפינדונגען זאָל דער לעבען אין אלעם גאָר זיין א נאָהענטער קרוב מיט עלעקטריציטעט—מאנכע ווילען גאָר האָבען דאָס ער איז טאקע ריינער עלעקטריציטעט; און אויב עס זאָל ריכ־טיג זיין, וויא דער שכל הישר וויל עס האָבען, דאן פליהט דאָך דיע־זער לעבען ארויס מיט דעם אימפּעט און מיט דער שנעליגקייט פון עלעקטריציטעט,באלד ווי נור א בעשעפעניס וועדט ערמאָרדעט.דער עסען פון א טוידטע זאך ווערט אלזאָ אונטער אזעלכע אומשטענדען, ניט נור א פראגע פון רחמנות אליין, זאָנדערן אויך א געזונדהייטס פראגע; ווייל דער גענוס פון בר־מנן—פון א טוידטע זאך, מעג עס אפילו זיין א טוידטער אָדער צו פוילטער נוס, איז געפעהרליך אלס שפייז פארן מענשען. דער מענש דארף בלויז עסען זאכען וואָס זיינען לעבעדיג און פּאָלגליך שוין אויך ריין און געזונד—און דאָס קען מען נור אויספיהרען מיט געזונדטע, ניט פערפוילטע, פרוכט, ניס און קערנער.

יעדענפאלס איז דאָך אייער פראגע איבערהויפּט בעזאָנדערס לעכערליך. ביז יעצט איז אייך ניט פאָרגעקומען זאָנדערבאר צו ערמאָרדען א לעבעדיגע, געפיהלפאָלע בעשעפעניס, און יעצט ווערט איהר פלוצלונג א רחמן און עס פאלט אייך איין א געדאנקען דאָס מען דארף רחמנות האָבען אויף א רעטאך ווייל עס איז נעביך א לעבעדיגע זאך—צוויי אָדער צוויי און צוואנציג! קיין מיטעל־פּונקט קיין איבערלעגונג.

---

## קאפּיטעל 8.

„— דיא תורה איז געשריעבען אויף פּארמעט—א גט ווערט גע־שריעבען אויף פּארמעט—מזוזות ווערען געשריעבען אויף פּארמעט

—תפילין ווערט געמאכט פון פעל, דער אינהאלט ווערט געשריבען אויף פארמעט—איך בין א שטרענג אָרטהאָדאָקסישער איד. מיינט איהר מיר צו זאָגען דאָס איך זאָל דיעזע אלע זאכען ניט בענוצען ווייל עס איז געשריעבען און געמאכט פון דיא פעל פון א טוידטע בעשעפענים?“ באָמבארדירט מיט גרויס גרימצאָרן נאָך א לעזער.

ענטפער:— ניין, מיין פריינד. מיין אייך אין דיעזען ענין גאר ניט צו זאָגען. אין אזא זאך מיש איך זיך ניע. יעדערער פער־שטעהט גאָט לויט נאָך זיין פערשטאנד און דיענט איהם לויט זיין שכל, און זיך אריין צו מישען ביי יענעם אין אזא זאך דארף איינער זיין פעהלבאר אָדער אין זינען אָדער אין כאראקטער. נור לויט וויא איך דענק, וויא איך פערשטעה און וויא מיין איינפאכער שכל דיק־טירט מיר, האָבען דיא אלע זאכען וואָס איהר דערמאָנט אבזאָלוט קיין שייכות מיט תורת משה — דאָס ריינע אידישע רעליגיאָן. דיא תורה איז אָריגינעל ניט געווען געשריבען אויף דיא פעל פון א גע־פגר’טע חיה—און איך וואָלט געהאט צו פיעל רעספעקט נאָך היינט צו שרייבען דיא הייליגע תורה אויף דיא פעל פון א געמערדערטע בעשעפענים. “וכתבתם על מזוזת ביתך ובשעריך“, מיינט ניט דוקא דאָס עס מוז געשריעבען ווערען אויף פארמעט. תפילין אין יעצטי־גען פארמאט, איז גאָר איין אָרדנונג פון קירצליכע דאטע—רביני תם און רשי ז“ל, האָבען דיעזע אָרדענונג אריין געבראכט אין דער מאָדע; און דאָס האָט פאסירט אין דעם עלפטען יאהר־הונדערט, און איך רעכען דאָס פאר זיי זיינען אויך געווען פרומע אידען.

ישעיה—דער געטליכער ישעיה, איז א גרויסער סאטיריק. קוים זעצט ער זיך אָן אויף א געוויסע זאך וואָס איהם געפעהלט ניט, האָט ער א שניט וויא דאָס צו קריטיזירען, אָבצולאכען און דאָס אָב־צושפאָטען ביז עס לאָזט ניט איבער איין וועג דאָס מען זאָל איהם קענען וויעדערשפרעכען און איהם איינווייזען דאָס זיין אורטהייל און זיין בעהויפטונג איז ניט ריכטיג. אויף איין אָרט אין קאפיטעל 44 לאכט ער אָב פון געצענדינעריי, פון אָבגעטער, צו וועלכע מען דיענט נאָך ליידער ביז היינט—אין אירגענד וועלכען פארמאט. אויב עס איז ניט מעהר וויא אין דעם פארמאט פון א שטיק האָלץ און א ציגעל, אָדער א „טענעמענט הויז“ ווי דיזעביידע ווערן ווען

זיי קומען זיך צוזאמען; אָדער אויב עס איז אין דער פארמאט פון „קיי־לעכדיגע קעלבלאך" געבויט אין דער מינץ פון גאָלד און פון זילבער — אין וועלכען פארמאט עס איז דיענט מען נאָך ליידער דערצו נאָך ביז היינטיגען טאָג. ישעיה לאכט אָב פון דעם פארמאט אָבגאָט צו וועלכען מען האָט דאן געדיענט — א גאָט פון האָלץ; און ער דריקט זיך אויס וועגען דעם קורץ און שארף בזה הנוסח:—

„חציו שרף במו אש על חציו בשר יאכל יצלה צלי וישבע ושאריתו לאל עשה לפסלו יסגוד לו וישתחו ויתפלל אליו ויאמר הצילנו כי אלי אתה". איבערזעצט קלינגט עס אונגעפעהר אויף אזא ארט:—

איין העלפט (פון א שטיק האָלץ) האָט ער בענוצט צו מאכען פייער; אויף נאָך א טהייל האָט ער געבראָטען פלייש און האָט זיך דערמיט זאט געמאכט; און פון דאָס איבריגע האָט ער געמאכט פאר זיך אן אָבגאָט צו וועלעכען ער פאלט און בוקט זיך און בעט צו איהם און זאָגט: ראטעווע מיר ווארום דוא בינסט מיין גאָט!

וויא גרויסארטיג, וויא ערהאבען, וויא מערקווירדיג סאטי־ריש! וויא עס עפענט דעם מח מיט בלויז א פּאָאר ווערטער!

פון איין טהייל פון דיא פעל פון דער געמערדערטע בהמה, מאכט מען שטיוועל; פון נאָך א טהייל מאכט מען א בייטש פאר א בעל־עגלה און א קאנטשיק צו שלאָגען קינדער; און פון דאָס איבעריגע וואָס בלייבט איבער מאכט מען פארמעט—און מען דיענט גאָט דערמיט!

נור וואָס איז דער וואונדער זאָגט באלד ווייטער דאָרטען ישעיה:—„לא ידעו ולא יבינו כי טח מראות עיניהם מהשכל לבותם"—זיי ווייסען ניט, פערשטעהען ניט. דיא אויגען זיינען פערשמיערט מיט זייף, דיא קאָפּ אָנגעפּאקט מיט טשו־טאָבאקאָ. וועהרענד דיא תורה שטרעבט נור צו פערפיינערן דיא געפיהלען פון מענשען מיט שעהנע זיטען, מיט גערעכטע געזעצע, מיט איידעלע מאניערען וואָס פערפלאנצען אין דער מענשליכער ברוסט ליעבע, פרייהייט, א גלייכען פערשטאנד, טהוט דער מענש אלס נור וואָס ער אליין דענקט עס איז רעכט. ביי איהם איז רעכט צו מיינען דאָס מערדערען א לע־

בעדיגע בעשעפענים און אויף איהר פעל אָנשרייבען א גט איז רעכט און אנגענעהם אין דיא אויגען פון גאָט!

און ער פועלט נאָך ביי זיך צו זאָגען דאָס ער איז „איין אָרטהאָדאָקסישער איד!“

„און ברוטוס איז איין עהרענמאן!“

## קאפיטעל 9.

„—וואָס איך בעט אייך האָט איהר זיך גראדע פארנומען מיטן „לא־תרצח“? „לא־תגנב“ און „לא־תנאף“ זיינען שוין אין גאנצען פערטהיידיגט, און ארום דיעזע איז שוין גאָר ניטאָ מעהר וואָס צו ריידען? איך מיין דאָס דיעזע געבאָט וואָס מען איז מחלל אזוי אָפט און אזוי געדיכט, טהוט אונז מעהר שאדען, און פערדערבט אונזערע אינטערעסען און אונזער גאנצען וואָהלשטאנד פיעל מעהר וויא דיא פראגע פון „לא־תרצח“ וועלכע נאָך אלעמען האנדעלט זיך דאָך בלויז ניט מעהר וויא וועגען בהמות, עופות און פיש“, איז דיא פרעטענזיע פון נאָך איינעם.

ענטפער:— „הך הכפתור וירעשו הספים“ זאָגט דער נביא: „שלאָג דעם וואָרצעל און ניט דיא פרוכט“, זאָגט דעם עולם'ס א ווערטעל. דיא פראגע פון „לא־תרצח“ אויב עס זאָל ווען ווערען פער־טהיידיגט, וועט שוין ממילא אויך פערטהיידיגען דיא פראגעס פון „לא תנאף“ און „לא תגנב“. ווארום דער וואָס וויל דוקא לעבען אונ־מאָראליש און ליעדערליך קען דאָס לייכט ניט אויספיהרען אויף איידעלע שפייז; גראדע אזוי וויא דער וואָס עסט פלייש קען ניט אויפיהרען לייכט צו פיהרען א שטרענג מאָראלישען לעבען.

איך וויים אפילו אז דאָ וועלען זיך פיעלע אָבשטעלען ער־שטוינט, און מאנכע וועלען ווערען בעליידיגט, און וועלען דיעזע בע־הויפטונג פרובירען צו פערלייקענען, און וועלען בעווייזען אז עס איז ניט אזוי. נור עס קענען קומען כל מלכי מזרח ומעריב און אָנ־ווענדען אלע מיטלען דיעזען שטרענגען אמת צו פערלייקענען און עס וועט זיי ניט געלינגען. עס איז אמת! עס איז א פאקט—און א סוף דערפון! דער וואָס עסט פלייש דער מוז לעבען אונמאָראליש

און ניט עהרליך. נור דאָס קען נור פערשטעהן יענער עהרליכער מענש וואָס פערשטייט די בעדייטונג פון „לא תנאף“, דאָס עס מיינט ניט „דוקא באשת איש“, וויא מאנכע האָבען זיך ניט מיט רעכט ער־לויבט דיעזע וויכטיגע געבאָט צו דעפינירען; דאָס עס מיינט טאקע גראדע וויא אין פסוק שטעהט — אָהן אוננעטהיגע פרושים—אָהנע אונווירדיגע קאָמענטארען—און עס מיינט אפילו „באשתו!“ מען האָט קיין רעכט צו פערדערבען מיט א פערדאָרבענע פיהרונג אפילו א אייגענעם וויין־גאָרטען. דער וואָס פערניכטעט א בוים וואָס איז פרוכטבאר און פליקט דערפון ארום בכיון דיא בליהונג וואָס דארף טראָגען פרוכט, אפילו אין זיין אייגענעם גארטען, דער איז א געמיי־נער קערל. „ער“ און „אונן“, דיא קינדער פון יהודה האָבען פאר אזא זאך געקראָגען א מיאוסען אָבשניט, (בראשית 38—11—7).

* * *

א מערקווירדיגע זאך איז צו בעמערקען דאָס נאכהער וויא דער פסוק דערצעהלט אונז דאָס דיא שפייז וואָס שלמה המלך האָט פערברויכט ביי זיין טיש אין איין טאָג איז בעשטאנען אויס „שלשים כר סלת וששים כר קמח; עשרה בקר בראים ועשרים בקר רעי ומאה צאן לבד מאיל וצבי ויחמור וברבורים אבוסים (מלכים א. —5—3־2)—נאכהער ווי עס ווערט אונז דערצעהלט דאָס די שפייז פערברויכט אין איין טאָג איז בעשטאנען אויסער אנדערע עסענ־ווארג און משקה. פון 10 פעטע אָכסען, און 20 אכ־סען וואָס זיינען ספעציעל געפּאשעט געוואָרען, 100 שעפסען, אוי־סער הירשען, און פערשידענע אנדערע חיות פון דעם זעלבען סאָרט, אזעלכע וויא „צבי“ און „יחמור“, א חוץ געשטאָפּטע געפליגעל—נאכהער וויא דער פסוק מאכט אונז בעקאנט מיט דעם ארט שפייז וואָס שלמה האָט פערברויכט ביי זיין טיש אין איין טאָג, דערצעהלט באלד דערויף דער פסוק: „והמלך שלמה אהב נשים נכריות רבות“, —(מלכים 11—1).

נאָך אזא אומגעלומפּערטע שפייז קארטע, מוז שוין שלמה ליעב האָבען „פיעל“ „פרעמדע“ ווייבער; און מוז שוין נאכהער געהן צו־ריק און צוריק ביז ער האָט מיט זיין פיהרונג ארויף געשלעפּט אויף זיך דעם צאָרן פון גאָט און פון לייט, און האָט געבראכט אויף אידען

אונגליק. וואס דוד האט אויפגעבויט האט שלמה אין לויף פון זיין קורצען לעבען צערשטערט און צערשמעטערט צו אונזער גרויסען אונגליק פון זיין דינאסטי ביז היינטיגען טאג. דוד—דער גרויסער דוד, האט צוזאמען געקניפט די אידען—שלמה האט ליידער מיט זיין פיהרונג אין זיינע לעצטע יאהרען אזוי צורייצט און צו ערגערט די אידען דאס זיי האבען זיין הויז ניט מעהר געוואלט אנערקענען. פון דאן אן האט שוין מעהר דער איד קיין רוהע געהאט. און זאגט וואס איהר ווילט דאס נור די קלאגעדיגע שפייז־קארטע וואס איז אזוי שווענדעריש פערברויכט געווארען האט עס פעראורזאכט.

עס גיעבט קיין צווייפעל דאס פיעל עסען פיהרט צום טרינקען און אזוי וויא עס איז גוט בעוואוסט דאס נור די אפטע לחיים־מא־כערס זיינען דיא וואס זיינען מעהר וויא אלע מקיים דעם פסוק פון „פרו ורבו“; און אזוי וויא סטאטיסטישע פאקטען בעווייזען דאס נור פון אזעלכע פערבינדונגען קומען ארויס פאסט אלע פער־ברעכער, בלייבט נאטירליך קיין אנדער וועג איבער וויא נור צו שלאגען דעם וואורצעל און ניט דיא פרוכט.

און מערקווירדיג וויא דיא געבאט שטעהען אין ריכטיגע אָרד־נונג—„לא־תרצח“—„לא תנאף“—„לא תגנב“!

מערדערט ניט און דער „לא תנאף“ מוז שוין פון זיך אליין אוועק פאלען, און דערמיט צוזאמען אויך דער „לא תגנב“; ווא־רום צו פיהרען א מאראלישען לעבען דארף מען ניט גנב׳ענען; און פאלגליך מוז שוין אזא איינער וואס פערלעצט ניט דיא ערשטע געבאט גרייכען דיא שטופע פון „לא־תחמוד“—דיא העכסטע שטו־פע. אז דיא געבליטען זיינען ניט צוקאכט פון שפייז וואס צורייצט און צוקאכט, איז דער פערשטאנד ניט צודרעהט. אין אזא געלאסע־נעם צושטאנד זיינען דיא פאדערונגען ניט גרויס און א מענש וועט דאן ניט געלוסטען דאס וואס בעלאנגט ניט צו איהם. דעם גראד פון „לא־תחמד“ ענדליך געגרייכט, קען דער מענש זיכער האפען צו גרייכען דעם גראד פון א פריערליכען לעבען.

אין היינטיגע צייטען אבער ווען מען מערדערט און מען עסט פלייש, מוז מען שוין ממילא מאכען בעקאנטשאפט מיט יענער פלונית׳טע — משקה; און קוים לאזט מען זיך אריין אין אזעלכע

שלעכטע קאָמפּאַניע—מיטן „זולל“ און מיטן „סובא“, דאַן פיהרען זיי שוין ביסלעכווייז אוועק — ניט אין שוהל! און דאַן נאַטירליך פאַנגט אָן צו שפּיעלען דער „לא־תנאף“ א גרויסע ראָלע און ענדליך גרייכט עס מעהר וויא אָפט ביז צו דעם גראַד „לא־תגנב“. עבירה גוררת עבירה—אזוי וויא צרות, קומען פעהלערן ניט איינציגווייז. איין פעהלער פערשלעפּט צו א צווייטען.

אין אזא צושטאַנד וויא עס רעגיערט היינט, קען מען ניט ער־ווארטען דאָס דיא פראַגעס וואָס איהר בעריהרט זאָלען אזוי לייכט און אזוי געשווינד געלעזט ווערען.

„הך הכפתור וירעשו הספים“—„שלאָג דעם וואורצעל און ניט דיא פרוכט“!

צו בויען א הויז פון דאַך ארונטער איז א זעהר אומגעלומפּער־טע אונטערנעהמונג. דיא טיעף־זיננינע תורה פערשטעהט עס און דערפאַר זאָגט זיא פריהער „לא־תרצח“ און נאכהער „לא תנאף“ און דאַן „לא תגנב“.

---

## קאַפּיטעל 9.

„—לויט דיא קבלה איז דער מענש דער „בחיר כל היצורים“—דאָס ערהאבענסטע פון אלע בעשעפעניסע“, שרייבט נאָך א קאָס־טומער אין תרגום לשון. „דיא אנדערע אלע בהמות און חיות האָבען פיר זיך אליין קיין צוועק. זיי גרייכען יעצט א תכלית ווען דער מענש עסט זיי, דורך וועלכע ענטוויקלונג זיי ווערען ענדליך מתקן. עס איז דאהער גאָר א גרויסע מצוה צו עסען פלייש בכדי דיא בעשעפעניסע זאָלען „מתקן“ ווערען.—“

ענטפער:— פרעהט מיר זעהר צו הערען דאָס עס איז א גרוי־סע מצוה צו עסען א בהמה ווייל מען איז איהר דאדורך „מתקן“. נור לויט וויא איך האָב דיא פראַגע שטודירט, איז זיא—די פלונית־טע—דיא בהמה, מיין איך, שטאַרק ניט צופריעדען פון גאַנצען עסק. וויל ניט מתקן ווערען—און באסטא! און דערפון קען מען זיך אראָב־נעהמען א מוסר אין אונדאנקבארקייט. דאָ שטעהט רוכט זיך א צדיק פערטיג „מתקן“ צו זיין א בהמה — וועלכע האָט פיר זיך אליין

קיין צוועק, קיין תכלית, און קומט נור יעצט דאן צו תכלית ווען מען מאכט פון איהר טשאָלענט, ביף־סטעק, געהאקטע לעבער, „פּע־טשא“, געקעכטס, שטיוועל—און וויל איהר טאָהן אזא טובה, אזוי פיעל גוטעס; און זיא — דיא נארישע בהמה, וויל נאָך ניט. בור־טשעט און וויל זיך ניט לאָזען קוילענען, און וויל זיך ניט לאָזען מתקן זיין. א בהמה בלייבט א בהמה—ניטאָ וואָס צו ריידען.

נור דיעזע קבלה טהעאָריע האָט שוין אָבער א באָרד—פיהרט עס אָב, זייט מוחל, צו א בארבירער. אלע ווילדע אינדיאנער גלוי־בען שוין דערין פון לאנג—נור אביסעל אויף אן אנדער שניט, וויא איהר רב צדיק. יענע חברה מיינען אויך דאָס דערמיט וואָס זיי ווע־לען אויפעסען דאָס פלייש פון א בער, וועט דיא נשמה פון יענעם בער אריין קריכען אין זיי, און זיי וועלען דאדורך ערווערבען דיא שטארקייט פון דעם בער. מאנכע אנדערע פון דיעזע ווילדע חברה עסען אויך דאָס פלייש פון דעם לעמפּערט און טיגער—ניט ווייל עס איז געשמאק, זאָנדערן דארום ווייל זיי רעכענען צו ערווערבען דאדורך דיא געשיקטקייט און קראפט וואָס דיעזע חיות בעזיצען. הונדס־לעבער איז ביי מאנכע בארבארישע שבטים א טהייערער דע־לעקאט, ווייל זיי גלויבען דאָס דיעזער ווילדער מאכל פערשאפט זיי מיט דיא נעשווינדקייט פון א הונד און זיין דרייסטקייט. דיא אראבער עסען קעמעל פלייש אום צו קריעגען דיא הארטנעקיגקייט וויא אויך דיא ליידענשאפט וואָס דיעזע חיה בעזיצט. דיא חינעזי־שע עסען „שארק“—דער געפעהרליכסטער רויב פיש אין ים, ווייל זיי גלויבען דאָס ווען מען עסט א גבור ווערט מען א גבור. דיא איינ־וואָהנער פון איסט אינדיא עסען גאָר קיין פלייש—ניט ווייל זיי סטרייקען וויא דיא ווייבער אין ניו יאָרק האָבען געטאָהן אין דער צייט פון דער בהלה אין דעם „פלייש ראיאָט“, זאָנדערן דערום ווייל זיי גלויבען דאָס דיא נשמה פון מענשען ווערט מגולגל נאָך'ן טויט און עס געהט אריין אין א חיה אָדער א בהמה אָדער א עוף וואָס האָט דיא זעלבע אייגענשאפטען, אָדער דיא שלעכטע מידות וואָס דער פערשטאָרבענער האָט געהאט ביי זיין לעבען. זיי עסען דערפאר קיין פלייש ווייל זיי פירכטען דאָס זיי קענען נאָך א מאָהל אויף אזא ארט אויפעסען זייערע א שוויגער — א קשיא אויף א מעשה! און

דאן קענען זיי האָבען א שעהנעם עסק. בעהיט און בעשירעמט זאָל מען טאקע ווערען פון אזא צופאל.

הכלל, מיין פריינד, פאָהרט געזונטערהייד צוריק נאָך חעלעם מיט אייער קבלה טהעאָריע, ווארום ערשטענס האָט עס שוין א צימליך גרויסע באָרד; און צווייטענס איז גאָר אומזיסט דיא אלע רייד—דיא בחור'טע, דיא בהמה מיין איך, וויל ניט „מתקן" ווערן און עס איז אין גאנצען אומזיסט דיא מיהע.

---

## קאפיטעל 10

„—אדרבא, פערפערטיגט עפּעס א שפּייז־קארטע פון וועגע־טעריאנישע מאכלים", שרייבט שוין ווידער איינער, „פון מטעמים אזעלכע וואָס זאָלען זיין אנגענעהם; און אויב איהר וועט אונז אי־בערצייגען דאָס מען קען ווירקליך דערויף לעבען, דאן פאָלגען מיר אייך אלע וויא איין מאן."

ענטפער:— וואָס נאָך ווילט איהר זאָל איך טאָהן? וואָס אייגענטליך מיינט איהר בין איך—א קעכין? א וואש־גויע פילייכט? א ווארטס־פרוי אפשר? וואָס ווייס איך פון קאָכען? וואָס פער־שטעה איך פון בעלאבאטישקייט? פרעגט אייער שווינער וועגען דעם און זיא, בין איך זיכער, וועט פאר אייך פאָרגרייטען א פּאָרציע, דאָס איהר וועט איהר שוין האָבען צו געדענקען.

אָנפאנגס האָב איך אפילו יא געהאט בדעה זיך צו פערנעהמען מיט דער אויפגאבע צו פערפערטיגען א שפּייז־קארטע, פון מאכלים וויא מיינע לייט האָבען ליעב; נור איך בין ניך נעקומען צו דער איבערצייגונג דאָס אזא ארבייט איז ניט פאר מיין כח און ניט פאר מיין מח. איבריגענס אז איך הייס ניט עסען הערינג מיט ווארשט־לאָך, ווייס איך ניט פון קיין אנדער זאך וואָס קען א היינטוועל־טיגען עולם געפעלען ווערען. נור אז מען האָט מיר וועגען דיעזע פראגע אָנגעהויבען באָמבארדירען פון אלע זייטען, האָב איך זיך געוועגדעט צו א פריינד—א חברה־מאן טיעף אריין געטאָהן אין דעם ענין פון דער אכילה, א גרויסער מייסטער דערין; און איהם האָב איך געבעטען ער זאָל מוחל זיין אויף זיין כבוד, און זאָל אָנגורטען זיינע לענדען מיט א פארטוך און זאָל פיר מיר פערפער־

טיגען א שפייז צעטעל. ער האָט מיר אפילו פערשפּראָכען אויסצו־פיהרען מיין בעגעהר, נור צו אלדע שווארצע יאָהר איז ער מעשה שטן א דייטש—רעדט מיט א לשון דאָס מען קען אזש חלעש'ן. ער רעדט ניט מיט דעם שעהנעם „איך'ל—דיכ'ל—מיך'ל" לשון ווי אונ־זערע חסידים—ער שפּרעכט מיט א „פסח". ביי איהם קומט עפּעס יעדער וואָרט ארויס פלאך—זיין לשון בעגראָבט איהם; און מיט אזא לשון האָט עס דער תכשיט פאר מיר פערפערטיגט א שפּייז־צעטעל. איך וועל דיעזען צעטעל בכיון דאָ איבערגעבען, מיט דיא שטיוועל מיט אלעמען, אום אונזערע מענשען זאָלען זעהן וויא דיא דייטשען האָבען פערדאָרבען אונזער שעהנעם „איך'ל־דיך'ל" לשון און האָבען דערפון געמאכט א תל.

„דער וועגעטעריאנישער שפּייז־צעטעל איזט וויא פאָלגט". שרייבט דער דייטש ימח־שמו, בלשון אשכנז זעהר געדיכט: —

זאָנטאג :—

שפּארגעלזופּע—שפּינאט—גרינע ערבסען מיט מעהרען — שפּארגעל—רייז מיט ראָזינען—אפּפּעלטארטע. אבענדס: רהייני־שער סאלאט.

מאָנטאג :—

פּעטערסילענזופּע—קאָהלגעמיזע—גרינע ערבסען—ראהמענ־פּלעקכען—אייערשפּייזע מיט שפּארגעל—זעמעל פּודינג מיט פּרוכט גוס. אבענדס: פּריכטבראטען.

דיענסטאג :—

האגעבוטענזופּע (וואָס איז דאָס עפּעס פאר א לשון?) מילא האגעבוטענזופּע—שפּינאט—קרויט מיט בייערישען קניידעלן— קארטאָפּעלגעמיזע—געלבע ערבסען—רייז פּודינג—געמישטער אויפלויף. אבענדס: פּריכטבראטען.

מיטוואָך :—

הילזענפּרוכטזופּע — מילא הילזענפּרוכטזופּע — שווארץ־ווארצעל נעמיזע — פּאָלנישע טונקע מיט קארטאָפּעלן—אפּפּעל־פּודינג — קווארק שטרודעל—בראטארטע. אבענדס: געמיזע פּלעצ־כען.

ראָנערשטאג :—

קראפטזופע—שפינאט—מעהרן —גרינע ערבסען—אפפעל־רייז—העלענטארטע. אבענדס : פרוכטבראטען.

פרייטאָג :—

האפערגריצענזופע מיט שוואמען — קיימכענגעמיזע — זאַגאָפודינג — נודעל אויפלויף — קארטאָפעלפופפער — כאפט עס דער רוח— געננג ! קען עס שוין ניט אויסהאלטען — זאָל זיין א סוף צו דיא צרות. אין בערלין משמעות מוזען זיך אויך געפינען א רעכטע ביסעל נאראָנים. נור מיט מיר איז דער דייטש אוים מחותן—איינער וואָס קען אזוי דיא יאָהרען פערקירצען, קען ניט זיין אין מיין קאַבינעט.

* * *

נור צוריק צו אונזער עסק. איהר פערלאנגט ערנסט גענוג איך זאָל פאר אייך פערפערטיגען א וועגעטעריאנישע שפייז־ליסטע פון אזעלכע מטעמים וויא איהר האָט ליעב. ווארום איהר ווילט פריהער וויסען אויב דער עסק וועט אייך לוינען. איהר ווילט ניט ספעקוליערען און זיך פערנעהמען בלינדלינגס מיט א פראגע וואָס איז אזוי וויכטיג און וואָס גרייפט אָן יעדערן אזוי נאָהענט און אזוי דירעקט. ווארום וואו איז נאָך דאָ א פראגע וואָס זאָל אָנגרייפען אזוי דירעקט וויא דיא פראגע פון עסען ? זייט מען האָט געמאכט דיא ערפינדונג פון עסען — און דאָס האָט פאסירט א צימליך רעכטע צייט קודם מתן־תורה,, איז עס אזוי אריין אין דער מאָדע ביז עס איז געוואָרען איין אלגעמיינער געברויך. אלע—אויסער סטרייקערס, בענוצען דיעזע מאָדע ; און אלע זיינען דערין פעראינטערעסירט. וואָס דארפט איהר מעהר, אפילו אין רוסלאנד איז דיעזע מאָדע געזעצליך ניט פערבאָטען זאָגאר פאר אידען. און איהר האָט דערפאר רעכט וואָס איהר ווילט האָבען א שפייז־צעטעל, צו זעהן שווארץ אויף וויים אויב עס איז פראקטיש זיך צו פערנעהמען מיט דיעזער פראגע.

הערט אלזאָ מיט אלער ערנסט וואָס איך האָב אייך דעריבער צו זאָגען :—

**עסען—צו וויסען וויא אזוי צו עסען איז א וויסענשאפט. צו פערלעצען דיעזע וויסענשאפט איז א קרימענעלער אקט. ניט צו עסען גענוג איז אזא פעהלער וויא צו עסען צו ווענינ. ניט צו עסען ריכטי־**

גע און פאסענדע שפייז איז אזא עולה וויא גאָר ניט צו עסען. ניט צו עסען געננג פיהרט מעהר וויא אפט צו פערברעכען, עסען צו פיעל פיהרט מעהר וויא זעלטען צו אויסגעלאסענהייט. זוכט דעם אור־שפרונג און דיא אורזאכע פון אלע געפאלענע מענשען און איהר וועט עס אימער געפינען אין קיך. צייגט מיר א געשמארטען ביף־סטעק פערפערטיגט אין פעטס אין בלויז 10 מינוטען, און איך וועל אייך אָנווייזען אויף דער שטעלע אויף איינעם וואָס מוז טרינקען שארפע משקה, און מוז ענדליך ווערען א שכור פאלס ער וועט לאנג אָנהאל־טען צו עסען אזא אומגעלומפּערטע שפייז. מען קען עסען שפייז אזעלכע וואָס מוז פיהרען צום טרינקען, און מען קען עסען אויף איין ארט דאָס עס זאָל גאָר זיין אונמעגליך צו האָבען א בענעהר צו טרינ־קען. א צייט וועט ווען עס איז קומען דאָס מען וועט דיעזען וויכטי־גען אמת דערגעהן, און מען וועט איינאָרדנען דיעזע וויכטיגע פראַ־גע—און דאן וועלען מיר אלע זיין פּאָעטען!

נור וויא וויכטיג דיעזע פראגע מעג זיין, גיבט פונדעסט־וועגען ניט אָב אלע אייערע געדאנקען און אייער הויפט שטרעבונג פאר דעם עסען. ווארום נאָך אלעמען איז עסען ניט אונזער הויפט געשעפט אויף דער וועלט. „עסט נור איהר זאָלט קענען לעבען, אָבער לעבט ניט בלויז דאָס איהר זאָלט קענען עסען“, זאָגט א גרוי־סער פילאָזאָף. דיא יעניגע הברה וואָס האָבען פאר זייער הויפט אויפגאבע אין דער וועלט נור עסען און תאות בשר—די וואָס קענען ניט איינרוהען סיידען זיי כוזען האָבען עפּעס מיט וואָס זיך צו אמו־זירען, און זיי אמוזירען זיך ניט סיידען זיי זיינען טיעף ארייננגע־טאָהן אין אירגענד עפּעס א ענין פון א קאָכעדיגע ליידענשאפט — אזעלכע לייט זיינען ניט אימער פון דיא גליקליכסטע אין דעם קור־ן לויף פון זייער עקזיסטענץ. לויט סטאטיסטישע פאקטען, ליידען אזעלכע מעהר פון אלע פון פערשיעדענע קראנקהייטען—אָפט זעהר העסליכע. קינדער האָבען אזעלכע וועניגער—„הזנו ולא יפרצו“. דער פערגעניגען פון א פריעדליכען, היימישען לעבען איז אזעלכע הברה פאסט אימער פערצוימט. שיידונגען גיבט עס ביי זיי מעהר ווי ביי נעלאסענע מענשען—ווארום זיי זיינען פאסט אימער בעטראס־קעט, בערוישט פון צו גוט לעבען. אין אזא צושטאנד נאָכאנאנד

זיינען דיא לייט אימער צוקאָכט. דיא קלענסטע קלעניגקייט צורייצט זיי. מייסטענס בעשטעהט זייער פערהייראטעטער לעבען פון צאַנ־קעריי. עס פאנגט זיך אָן באלד נאָך דער התונה מיט סקאנדאלען און ענדיגט זיך אין גיכען מיט א גט. וכך המה מונים—און אזוי איז אונגעפעהר דער נוסח פון זייער לעבען :—

אויף מאָרגען נאָך דער חתונה. פאנגט זיך געוועהנליך אָן א סדרה פון זוכען פרעטענזיעס אויף איין אנדער—ביידע טענה'ן; זיי האָבען זיך אָבגענארט. זיי בורטשען, קריגען זיך און אזוי האלט עס אָן ביז עס ווערט אונערטרעגליך אוז זיי געהען זיך פאנאנדער—„לוט" געהט אוועק אין סדום—און זיין פלונית'טע ווערט א שטיק זאלץ, ארום וועלכע ווילדע חיות און בהמות קלייבען זיך צונויף און לעקען. ווילדע חיות און בהמות האָבען ליעב זאלץ, און לעקען אלעס וואָס איז געזאלצען. אין קורץ, זיא ווערט א פרומע נשמה און פער־נעהמט זיך מיט וואָהלטהעטיגע זאכען און טהוט אלעמען טובות—מען קען זיי דיעזע חברה. אזוי האלט עס געוועהנליך אָן ביז ענד־ליך זיי קומען זיך ווידער צונויף—עס לוינט בעסער צום עסק. עס פאסט בעסער פאר ביידע צדדים, מחמת טעמים בעקאנט צו אזעל־כע לייט. לאנג האלט עס אָבער ניט אָן. עס פאנגט זיך באלד אָן א נייע סדרה פון פרעטענזיעס, בורטשען, סקאנדאלען, ביז ענדליך—לוט געהט ווידער אוועק אין סדום—און דיא פלונית'טע ווערט ווייטער א שטיק זאלץ. ער ווערט א פרוש—זיא א צנועה. קומען שפעטער אהין ווידער צונויף און באלד פאנגט זיך אָן מיט גרויס פרישקייט איבעראנייעס איבער צו חזרן זייער שפיל. אזוי האלט עס אָן ביז עס ווערט שוין גוט חזיר'יוואטע, ווען זיי שיידען זיך ענדליך. באלד דערויף האָבען זיי באלד בעזונדער ווייטער חתונה—ביי זיי געהט עס צו פער שנעל צוג—ווארטען ניט ביז נאָך שלושים. ביי זיי טרעפט אָפט דאָס ביידע צדדים האָבען חתונה ווען דער גט איז נאָך פיכט ; און אז זיי האָבען שוין ווייטער חתונה, פענגט זיך מכתמא אָן באלד א שפּאָגעל נייע סדרה פון פרעטענזיעס—בורטשען—סקאנדאלען—ברוגז טענצלאך—ער ווערט א פרוש און געהט זאָגען תהילים—זי טהוט טובות אויף וואָס די וועלט שטייט—ווייטער גוט—ווידער מלחמה—גט—חתונה—בורטשען—צוריק

אין סדום—ווידער א שטיק זאלץ—און אזוי האלט עס אָן ביז ענד־ליך זיי עקספּלאָדירען און — און באסטא !

ביי דיעזע לייט אז איהר געהט אריין אין שטוב, געפינט איהר אויפגעהאנגען אויף דיא וואנט—ניט בילדער פון סאנט־פּאט־ריק אָדער פון אנדערע אזעלכע הייליגע לייט, זאָנדערן שיידונגס־דאָקומענטען פון פּארמעט רייך איינגעפאסט אין גילדערנע פראמען. דיעזע דאָקומענטען בעציערען געדיכט זייערע וואנד—וכל המרבה הרי זה משובח. דיזע חברה לייט רעכענען דאָך ניט דיא צייט וויא אונזערע חסידים טהוען. זיי האָבען א גאנץ אנדערע מאָדנע סיסטע־מע—זייערע אייגענע געדאנקען. ווען איינער פון זיי וויל בעצייכנען א געוויסע צייט, רעכענט ער דאָס ניט נאָך דעם לוח, זאָנדערן נאָך זייערע געוועזענע ווייבער. אָנשטאָדט, למשל, צו זאָגען מיט א 3 אָדער 4 יאָהר צוריק, זאָגט ער : „מיט א 4 אָדער 5 ווייבער צוריק“.

אין אלגעמיין איז נעבאך א גרויס צער אויף דיעזע חברה. א קלאָג נעבאך צו זיי וויא זיי זעהען אויס אין מיינע אויגען !

מערקווירדיג און ערשטוינענד איז צו בעמערקען וויא גיך און שנעל דיא לייט עקספּלאָדירען—זיי שטארבען דאָך ניט נאטיר־ליך כדרך כל האדם—זיי עקספּלאָדירען ! דער לעבען פליהט פון זיי ארויס פּלוצלונג—וויא א פּראָפּען פון א פלאש שאמפּאניער. אויס — און א סוף ! עס שטארבען מעהר רייכע לייט פּלוצלונג ביין טיש אין יעדער לאנד א יאָהר, וויא עס ווערען דערשלאָגען פון דונער א יאָהר אין דער גאנצער וועלט. אורזאכע—צו פיעל און צו רייכע שפּייז. זייער עסען איז דאָך איבער נאטירליך, און עס איז נאָך א וואונדער זיי קענען מיט אזעלכע שפּייז גאָר אזוי לאנג לעבען ווי זיי לעבען.

* * *

אויף אייער פראגע פון „מה נאכל“—וואָס קען מען עסען אויב ניט פלייש ? קען איך אייך זאָגען דאָס פיעל און פערשיעדען זיינען דיא גאטונגען פרוכט און תבואה וועלכע קענען פערשאפען חיונה— פון וועלכע מען קען מאכען א לעבען בכבוד. פון דעם קליינעם ני־סעל ביז דעם גרויסען קאָקאָא נוס, פון דיא קליינע יאגדע ביז צו דעם גרויסען פּיין־אפּעל—זומער פרוכט, ווינטער פרוכט, זיסע פרוכט,

וויניגע פרוכט, אנגענעהם פאר דעם גוימען און צו זעטיגען דעם קערפּער—דאָס אַלעס געפינט איהר אין דער וועגעטעריאַנישער און פרוכטיאַנישער וועלט און דיעזע קענען לייכט זעטיגען און בעפרידי־גען דעם גייסט גראדע אזוי וויא דעם קערפּער.

א וועגעטעריאַנישע שפּייז־קארטע פאָרדערט קיינע בעזאָנדע־רע קונצען צו פערפערטיגען. איהר געפינט א שפּייז־פּראָגראמע פּאסיג פאר אַלע מענשליכע בעדירפניסע קורץ און שארף געפאסט, אין דער ערד־אבענער פּאָעמא — „ברכי נפשי“.

„ויין ישמח לבב אנוש—להצהיל פנים משמן — ולחם לבב אנוש יסעד“—אבגעזעהן פון דעם כימאַל, פרעהליכער מאכען דאָס הארץ דארף מען וויין; אום דאָס געזיכט זאָל גלאנצען דארף מען אייל; און ברויט דארף מען אום אונטערצושפּארען דאָס הארץ.

דאָס איז אלעס וואָס דער מענש דארף פאר זיין געברויך. אלעס אנדערעס איז בלויז א לוקסוס. אויב דער מענש זאָל נור אוועק ווארפען דיא העסליכע מידה פון נאשערייי, און זאָל נור עסען שפּייז—ניט ווייל עס איז געשמאַק, זאָנדערן ווייל עס איז נעטהיג; אויב דער מענש זאָל נור פערשטעהן דעם וויכטיגען אמת דאָס קוים איז דער הונגער געזעטיגט, דאן האָט דער איינפאכסטער מאכל גראדע אזא ווירקונג אויף דער מענשליכע געביידע וויא דער פיינסטער דעלע־קאט—און אדרבה וואָס איינפאכער, וואָס פראָסטער דער מאכל איז גראדע בעסער און געזונדער איז עס—אויב דער מענש זאָל ענד־ליך קומען צום שכל און נעהמען אין אנבעטראכט דיעזען וויכטיגען אמת, דאן וואָלט ער געוועזען געזינטער, שטארקער, און דיא ביטע־רע דאגת חיונה און קלעמעניש פון אלערליי זאָרטען וואָלטען פער־שוואונדען וויא א רויך.

* * *

אויב איהר ווילט לעבען רוהיג און צופריעדען און הנאה האָ־בען פון אייער לעבען, דאן עסט תבואה, פרוכט און פערשיעדענע פלאנצונגען. לעבט אויף דיעזע געקאָכט איינפאך. טרינקט בלויז וואסער, און אייער געביידע מוז און וועט צופרידען זיין.

אם מייסטען זאָלט איהר עסען פרוכט אזעלכע וואָס איז רע־קאָמענדירט אין דער תורה באלד אין ערשטען קאפּיטאל—בראשית

א, 29; און דיעזע איזט נור פרוכט אזעלכע וואס וואכסט אויף דער ערד און וועלכע ענטהאלטען זוימען. פון אזעלכע פרוכט דארף אבער דער מענש עסען דאס פלומפע פלייש — אבער ניט דיא קערנער. ווארום צו דיא קערנער האט ניעמאנד א רעכט. דיעזע בעלאנגען צו דער נאטור—איהר מוזט מיט דיעזע קערנער אבצאהלען א חוב צו שפעטערע דורות. גיבט דיעזע קערנער אוועק צוריק צו דער נאטור— פערפלאנצט זיי און עס וועט פון זיי ארויס וואכסען פרוכט אזעלכע וועלכע שפעטערע דורות וועלען געניסען—מעגליך אפשר אייערע אייגענע קינדער. אלס א עהרליכער מאן דארף איין יעדער מענש דיעזען פאקט אימער האבען אין זינען. דער וואס עסט פרוכט און פערדערבט במזיד אויך דיא קערנער, דער איז עובר אויף „בעל תשחית"—פעדערבט א זאך אין דער נאטור אויף וועלכע ער האט קיין רעכט, און ברענגט אויף אזא ארט א פערלוסט צו דיא שפעטע־רע דורות. איבערהויפט איז גאר קיין עהרליכער מענש דער יעניגער וואס פלאנצט ניט וועניגסטענס איין פרוכט־בוים אין זיין לעבען; וואס בויעט ניט וועניגסטענס איין הויז און דער וואס האט ניט ווע־ניגסטענס איין קינד. עס איז א מערקווירדיגע שטרענגע בעהויפטונג —אבער אויך א שטרענג ריכטיגע. א מענש האט קיין רעכט אבצו־פאהרען פון דער וועלט אהנע זיינע שולדען צו האבען בעצאהלט דער נאטור און צו דער מענשהייט. דיא נאטור און די פריהערדיגע דורות האבען דיר פערזארגט, זיי עהרען מאן גענוג אויף אזא ארט אבצו־צואהלען דיין חוב צו דער נאטור און צו דיא שפעטערע דורות. עס גיבען פיעלע חאס פערשטעהען דיעזע פפליכט און זיי איבען איהר אויס. נאכאנאנד זיי פלאנצען, נאכאנאנד זיי בויען, אדער זיי זעהן דערויף מען זאל בויען—בויען הייזער, בויען נעטהיגע אנשטאלטען, פערשפרייטען שלום איבער דער וועלט, טהוען אויף עפעס נאכאנאנד אום צו פערבעסערן דעם וואהלפארט פון דער אלגעמיינער מענש־הייט. עס גיבען אבער אנדערע פינסטערלינגע וואס זייער צוועק אין לעבען איז נור צו פערניכטען, נור אויסצורייסען, נור צו שפאל־טען וואו עס איז גאנץ, נור צו צוברעכען, נור צו צושניידען. וואו יענער שטימט יא מוז ער זיך איינשפארען און זאגען ניין. ער זאל אפילו איננעהמען א מיתה־משונה מוז ער טאהן און שטימען אין

ראטהען קאפויר. זיי זיינען געבאָרען צו פערניכטען. נאָך אלדע שווארצע יאָהר! זייער גאנצע געביידע איז געבויט צו דער געהן דיא יאָהרען. זייער איין מאך מיט דער האנד, זייער איין בליק פול אָנגעפאקט מיט להכעים און אָבשפּאָטונג, זייער איין בורטשע קען מאכען קאליע דיא נאָבעלסטע אונטערנעהמונג. זיי בעלאנגען אפילו אויך אין לאָדזשעס, אין חברות, אין וואָהלטהעטיגע אנשטאלטען, נור זייער צוועק איז נור אכטונג צו געבען דאָס מען זאָל א ברודער אין נויט—ניט העלפען! אבי ער קען מאכען א „ספיטש“ און אויס־ניצען א פאָאר פון זיינע קלאָנגעדיגע „חאָמכעס“ און אויסגיסען א צעבער פון זיינע פינכטערע מליצה, וועט ער וויא א חזיר אריינקרי־כען אין דעם שעהנסטען בלומען גאָרטען און דאָרטען צוטראמפּלען אלעס מיט זיינע גרויבע אומגעלומפערטע שטיוועל און מאכען א תל פון אלעס וואָס קומט איהם אין וועג. וואָס הארט דיך אז יענער אונ־גליקליכער אָרעמאן וועט יא געהאָלפען ווערען? ניין, ער קען דאָס ניט פערטראָגען. ער וועט קריעגען דיא ניכפּה דערפון אויב ער זאָל זיין אמביציע ניט אויספיהרען. אזא איינער איז נאטירליך קיין עהר־ליכער מענש, מעג ער אפילו האָבען בעצאָהלט זיין מילך מאן און זיין בוטשער ווער ווייסט וויא פּינקטליך. אזא איינער וואָס אויסער דאָס ער אליין בויעט ניט און פלאנצט ניט און פערדערבט נאָך גאָר און צערשטערט נאָך גאָר אלעס וואָס קומט איהם אין וועג, פאָהרט אוועק פון דער וועלט אָהנע זיינע שולדען צו האָבען בעצאָהלט, און אָהנע צו האָבען פערדיענט וואָס ער האָט אין דער וועלט גענאָסען.

* * *

פון פרוכט זאָלט איהר עסען וויא פיעל איהר קענט בעהויפּטען. עסט פרוכט אין דער פריה—עסט פרוכט ביי טאָג—עסט פרוכט ביי נאכט. איהר וועט דאן גאָר אנדעריש זעהן. אייערע געדאנקען וועלען אייך טראָגען אין א העכערען קרייז לויף ווי איהר קענט ער־ווארטען צו גרייכען כל זמן איהר וועט זיך אויפפיהרען ווי א חברה־קדישא מאן—וואָס זוכט נור נאָכאנאנד א פרישען מת מקבר צו זיין אין זיך.

עסט פרוכט אין איהר צייט—אין דער צייט ווען עס ווערט צייטיג. איך מיין דערמיט דאָס איהר זאָלט עסען קארשען, למשל,

ווען קארשען ווערען צייטיג, ווארום דאן—אין דער צייט פון יאָהר זיינען זיי דעם מענשען נעטהיג. אויב אָבער איהר וועט דיעזע קאר־שען בעהאלטען אויף שפעטער אין איין איינגעמאראנירטען, אָדער „איינגעבאלזאמירטען“ פארמאט און מאכען דערפון „איינגע־מאכטס“ און עס דאן עסען, דאן וועלען זיי אייך קיין נוצען ברענ־גען.

„וישן מפני חדש תוציאו“—עסט קיין אלטע תבואה אָדער פרוכט ווען מען קען שוין בעהויפטען נייע צו קריגען. עסט קיין טויטע פרוכט. פערזענליך בין איך קיין גלויביגער אין איינגעמארי־נירטע פרוכט אָדער אירגענד וועלכע גאטונג פלאנצונג וואָס קומט פערפאקט אין בלעכענע קעסטלאך אָדער אין פלעשער. איך בע־טראכט עפּעס דיעזע אלע „איינגעמאכטעס“ אָדער איינגעבאלזאמיר־טע סחורה אויך אלס א מין זאָרט „בר־מנן“—נור פון איין אנדער גא־טונג. איינגעמארינירטע פרוכט איז אויך מת מיט אלע מתים צוגלייך. דער איינציגער אונטערשיעד איז נור דאָס אָנשטאָט וואָס יענע זיינען בעגראָבען אין טרונעס און ליעגען אין דרערד, זיינען די־זע נעביך פערפאקט אין בלעכענע קעסטלאך אָדער פלעשער און שטעהען אויסגעשפרייט ברייטלאך אין א גראָסערי. נור מתים זיינען זיי, ווארום אזעלכע איינגעמארינירטע אָדער איינבאלזאמיר־טע פרוכט קען שויז מעהר ניט וואבסען. און דערפאר וואָס עס האָט שוין מעהר קיין לעבען קען עס אויך קיין לעבען מעהר געבען. איך בין כמעט זיכער דאָס דער מענש קען דערפון קיינע נוצען ציהען.

און גיבט אכטונג דאָס ווען איהר עסט אירגענד א גאטונג פרוכט וואָס איז בעשטימט געוואָרען ביי דער נאטור צו עסען איינציגווייז, דאָס איהר זאָלט פון דיעזען גאטונג ניט עסען צו פיעל אויף איין מאָהל. איך מיין דערמיט דאָס קארשען, למשל, וועלכע זיינען ביי דער נאטור בעשטימט דאָס מען זאָל זיי עסען איינציגווייז, דאָס מען זאָל פון דיעזע ניעמאלס עסען א גאנצען הויפען אויף איין מאָל. ניס, צום ביישפיעל, דארף מען עסען איינציגווייז און געלאסען—גראדע אזוי לאנג וויא עס נעהמט צייט ניס צו צוקנאקען אזוי לאנג דארף דויערן ביז מען זאָל זיי עסען. אויב איהר זאָלט אָבער נעהמען א הויפען מאנדלען און עס עסען אויף איין מאָהל, איז ביי מיר קיין

צווייפעל דאָס עס קען ברענגען דעם מאָגען שאדען. מאנכע פרוכט בעשיצט דיא נאטור אליין דאָס מען זאָל זיי ניט עסען צו פיעל אויף איין מאָהל — וויא פאָמעגראנטען, למשל. איהר קענט פון דיעזער פרוכט ניט עסען פיעל קערנער מיט איין מאָהל. איהר מוזט עסען די קערנער איינציגווייז. נעהמט איהר אָבער אריין אין מויל א גאנצע שטיק פון דער פרוכט, ליעגט צווישען דיא שפאלטען א מין ביטערע מאטעריע, וועלכע אויב מען זאָל עסען מאכט עס דיא גאנצע פרוכט זעהר אונאנגנענעהם. קארשען קען מען אויך ניט עסען פיעלע אויף איין מאָהל. דיא נאטור ווייס איהר געשעפט בעסער וויא מיר קליינע חיים'לאך, און זיא וויל דאָס דיא זאפט וואָס קומט פון אזעלכע פרוכט זאָל אָנקומען אין דער מענשליכער געביידע געלאסען, ווען עס וועט ברענגען נוטצען. ניט אָבער אזוי ווען עס וועט קומען גיך און צו פיל מיט א מאָל ווען עס קען נאָך גאָר גאָר פילייכט ברענגען שאדען.

* * *

היטעט אייך צו עסען איינינע און פערשיעדענע צוזאמען גע־מישטע גאטונגען שפייז אויף איין מאָהל. עסט איין זאך אויף איין מאָהל. „שדך לא תזרע כלאים" — דיין פעלד זאָלסטו ניט בעזעען מיט פערשיעדענע גאטונגען געוויכסע מיט איינמאָהל, זאָגט אָן משה רבינו. אין דיעזען געבאָט ליעגט מעהר פילאָזאָפיע וויא דער עולם פערשטעהט. ווייל יעדער געוויכס האָט איהר אייגענע אייגענשאפט, און יעדערע פון זיי שטרעבט אויסצוניצען איהר אייגענשאפט. אז מען פערשפארט אָבער א פאָאר פון דיעזע געוויכסע, אויף איין מאָהל אין מאָגען, קענען זיי זייערע אייגענשאפטען ניט אויסאיבען. וואָ־רום דיא זאפט פון איין גאטונג פרוכט האָט איהר ווירקונג אויף איין ארט, און דיא ווירקונג פון איין אנדער פרוכט ציהט גאָר אין איין אנדער וועג; און ווייל דיא ציהט אהין און דיא אהער, קומט עס אוים גראדע וויא עטליכע מענשען זאָלען אלע ריידען מיט איין מאָהל אין איין צימער — אָנשטאָדט וואָס אויב איינער וואָלט גערעדט, וואָלט מען איהם געקענט פערשטעהן, פערהילכען אָבער אלע ווען זיי ריידען מיט איין מאָהל אויף איין ארט, דאָס זיי פערגלושען גאָר און צומישען דיא געדאנקען און מען הערט קיינעם פון זיי. מען הערט מעהר ניט וויא קולות. גראדע אזא מין ווירקונג מאכען פערשיעדענע

גאטונגגען שפייז אין דער געביידע פון מענשען אז מען עסט זיי מיט איין מאהל—עס פערגלושעט דיא חושים און אנשטאדט נוצען ברענגען זיי גאר שאדען. וועהרענד איין זאך אויף א מאהל וואלט ערשטענס ניט בעלעסטיגט דעם מאגען, און צווייטענס וואלט עס מיט איהר אייגענשאפט יא געבראכט נוצען.

„שדך לא תזרע כלאים"—פערזעע ניט דיין פעלד מיט פערשיעדענע גאטונגגען. ווענינגסטענס 90 פראצענט פון דער מענשהייט פאהרען אוועק פון דער היים פאר דער צייט, ווייל זיי ווארפען אומגעלומפערט אריין אין זיך ציגעל מיט טשוועקעס און אנדערע אזעלכע מטלטלין—איך זאג ציגעל מיט טשועקעס, ווייל רייכע שפייז אויף איין מאהל צוזאמען געווארפען אין מאגען האט גראדע אזא ווירקונג וויא איהר זאלט אריינווארפען אין אייער פיאנא ציגעל מיט טשוועקעס. נעהמט אין אנבעטראכט וואס איהר עסט אויף איין מאהלצייט אום א שבת אדער יום־טוב, למשל, און זעהט אליין אויב איהר טהוט נאך ניט אן ערגערע זאך וויא אריין צו ווארפען שטיינדלאך אין אייער פיאנא.

נעהמט דיא אלע זאכעז וואס איהר עסט—פון דיא פיש ביז דיא פלייש, ביז דיא משקה, ביז אלעס וואס איהר ווארפט צוזאמען אין זיך און לעגט עס אריין אין א ליימענעם טאפ און פערזאמען אין זיך און לעגט עס אריין אין א ליימענעם טאפ און פערראקט עס אין א אויוועז וואס זאל האבען דיא זעלבע היץ און טעמפעראטור וויא דער מענש בעזיצט, און עס וועט זיך אין לויף פון א פאאר שטונדען ענטוויקלען אין א גיפט שטארק גענוג צו פערסם'ען—און עס פער־סם'ט אויך! מענשען מיינען דאס דערפאר ווייל זיי ליידען ניט דערפון באלד אויפ'ן ארט, טהוט עס זיי קיין שאדען. עס איז אבער איין אירטהום. עס פער|סם|ט—עס ברענגט שאדען ביסלעכווייז — איינס פראצענט היינט, נאך איינס מארגען, ביז ענדליך עס קלייבען זיך צוזאמען אלע הונדערט פראצענט און —און באסטא! זאגט רבנא־קדיש!

שבת און יום טוב און רייכטהום זיינען מתנות פון גאט. וואהל דעם דער וואס פערשטעהט וויא צו שעצען דיעזע געטליכע מתנות און בענוצט זיי וויא עס דארף בענוצט ווערען— צו פערפייגערן דעם כאראקטער און אום צו ווערען העבער, מעהר אידעאליס־

טיש. אם מייסטען ווערט אָבער שבת און יום־טוב און רייכטהום בענוצט זיך צו דערווערגען— זיך צו ממית'ן מיט צו רייכע שפייז: אין איינעם צוזאמען געמישט. שבת יום טוב איז פאר זיי בעשאַ־פען צו עסען און צו טרינקען—ניין, צו פרעסען און צו זויפען, ריכ־טיגער געזאָגט.

מיט וואָס פאר איין אימפעט, וויא צוקאָכט דער אמעריקאַנער פייערט עס דעם יום־טוב „טיינקס־גיווינג", און וויא געפגרט איז ביי איהם דער עסק דער 4טער דזשולייי. אויסער שיסען אין וועלכע דיא יונגוואַרג פערברענגען דיא צייט, האָט דיעזער וויכטיגסטער יום־טוב ביי איהם כמעט קיין ווערדע. אורזאכע—דער פרעס ! אין יענעם טאָג—אויף טיינקס גיווינג מאכט מען הכנות וואָכען לאַנג און מען גרייט צו אלע דעלעקאטען, און אין דעם טאָג מעהר ניט וויא שיסען —און וויא שרעקליך צור לאסט איז ביי אלעמען דיעזער טאָג ! און דער 4טער יולי פאר דעם אמעריקאַנער דארף דאָך טאקע זיין דער טאָג פון אלע טעג.

* * *

עסט ניט פריכטע אזעלכע וואָס זיינען פון דער נאטור ארויסגע־צויגען ניט עהרליך—איך מיין דערמיט יענע פרוכט בעקאַנט אלס „מורכבים"—צוזאמען געזעצט פון 2 פערשיעדענע מינים, אָדער בעארבייטעט אזוי דאָס זיי זאָלען ניט ענטהאלטען קערנער— וויא די אפעלצינען בעקאַנט אלס „נאָפעלס" ; אָדער וויא זיי ווילען שוין יעצט פראָדוצירען מיט א מערקווירדיגע מעטאָדע וואסער־מעלאָנען אָהנע קערנער. אזעלכע פריכטע זיינען דיא נאטורס אונגעזעצליכע קינדער—זיינען ניט עהרליך. דיא נאטור קען זיי דערפאר ניט פער־טראָגען און זיי קענען ניט מעהר וואכסען און מיט זיי ענדיגט זיך זייער קורצער עקזיסטענץ. בין כמעט זיכער דאָס אזעלכע פריכטע ברענגען דיא מענשליכע געביידע קיינע נוצען. אויב איינער זאָל זיך דורך אוים ערנעהרען אויף אזעלכע פריכטע, וועט ער פאָזיטיוו פער־בלייבען אונפרוכטבאר ; און איך גלויב אויך ניט אויב דיא געביידע קען פון אזעלכע פרוכט ציהען גענוג חיונה—חיונה פאר זיין גע־זונד אזוי ווי פאר זיין פערשטאנד. געוועהנליך זיינען אפילו אזעלכע אונגעזעצליכע פרוכט פיעל געשמאקער וויא דיא עהרליכע קינדער

פון דער נאטור—דער מויל־עזעל איז קליגער און קרעפטיגער וויא דער פערד; דער נאַפּעל אפּעלצין איז געשמאקער און אנגענעהמער וויא דער נאטירליכער פּאָמעראנץ—נור מיט זיי ענדיגט זיך אָבער זייער קורצע קאריערע. „לא יבא ממזר בקהל ה׳ גם דור עשירי לא יבא לו בקהל ה׳“, דיא תורה מיינט דערמיט דאָס א ממזר דארף ניט נור אריינקומען אין א געטליכע געזעלשאפט, זאָנדערן דאָס ער וועט ניט אריין קומען בקהל ה׳. „לא יבא“—ער וועט ניט אריינקומען אין א געטליכע געזעלשאפט. אורזאכע, ווייל א ניט געעזצליכער קינד, געבאָרען פון געמיינהייט און אין אונרעכט קומט ארויס ניט נאטירליך, און ער קען ניע בעזיצען דיא אייגענשאפטען וואָס זאָלען איהם בערעכטיגען ער זאָל יא קענען אריין טרעטען אין א געטליכע —אָרדענטליכע געזעלשאפט. זיין געמיינער גייסט וואָס ער האָט ערוואָרבען פון זיינע זינדיגע עלטערן וועלען עס איהם ניע דערלאָזען. ער וועט פעהלען אָדער אין פערשטאנד אָדער אין זיין כאראקטער און דיעזע אורזאכע אליין וועט איהם פערצוימען דיא וועג פאר יע־דער געטליכע געזעלשאפט. עס גיעבען אזעלכע וואָס קענען א ממזר דערקענען אין זיין געזיכט, פון זיין פרעכהייט, פון זיין שוואכען פערשטאנד, פון זיין כאראקטערלאָזע בענעהמונג.

ווייכט אלזאָ פון פרוכט אזעלכע וואָס האָבען קיין זוימען אָדער דיא וואָס קענען ניט מעהר וואקסען. אלע געזעצליכע קינדער פון דער נאטור האָבען זוימען, און קענען וואכסען, בליהען, אליין לע־בען און אויך לאָזען לעבען. א ניט געזעצליכער קינד אָבער קען דאָס ניט בעהויפּטען.

דער „שדך לא תזרע כלאים“ בעציהט זיך אויך אויף דיעזע „מורכבים“ אָדער פרוכט צוזאמען געזעצט פון פערשיעדענע גא־טונגען.

* * *

דיא וואָס ארבייטען מיט׳ן געדאנקען און מאכען א לעבען דורך טראכטען, זאָלען עסען ניס און אפּעלצינען, וויא אויך אנדערע זאפ־טיגע פרוכט. דיעזע שפּייז בעזאָרגט דיא מארך מיט דיא נעטהיגע ערנעהרונג פאר איהר אנשטרענגונג.

מאנדלען און זאָגאר „פינאטס“ בעזאָרגען דעם וואָס גיבט זיך

אָב מיט איידעלע ארבייט, מיט די אלע נעטהיגע קראפט צור חיונה וואָס אזא מענש דארף האָבען. אפילו וועלישע נים און דיא פערשיע־דענע אנדערע זאָרטען האָט אויך יעדער גאטונג איהרע בעזאָנדערע אייגענשאפטען וועלכע זיינען דעם מענשען זעהר נעטהיג. דיא בראַזיליאנישע נים אָדער „פוטער“ נים, וויא אויך קאָקא־נים זיינען בע־זאָנדערס רייך אלס שפייז. דיא פעטקייט פון דיעזע נים בעזאָרגט ניט נור דעם מענשען מיט חיונה, זאָנדערן עס היילט אויך אין איהם אלע פעהלערען.

אין דיא לעצטע יאָהרען האָט מען אָנגעהויבען צו אנערקענען דיא גרויסע נוצען און דיא טהייערע אייגענשאפטען וואָס נים בעזי־צען און דער געברויך פון זיי שטייגט פון טאָג צו טאָג. אין רייכע הייזער ווערן נים געברויכט אלס צוגאָב צו דיא פיינסטע שפייז. דיא געשמאקסטע טאָרט, דיא פיינסטע קוכען ענטהאלטען אין זיך יעצט פערשיעדענע גאטונגען נים. אלערליי זאָרטען קאָמפאט ווערען יעצט פערפערטיגט מיט פערשיעדענע גאטונגען נים. געבאקטע און געזאלצענע מאנדלען ווערען בעטראכט אלס פרינצליכע דע־לעקאטען. אפילו געבאקטע פינאטס געבראָטען מיט זאלץ, אָדער אפילו געקאָכט נאכהער וויא מען האָט פון זיי דיא הויט ארונטער גענומען מיט הייסע וואסער, איז א בעזאָנדערס גוטע שפייז. קורץ, עס איז ניטאָ א בעסערע שפייז אלס נים וואָס זאָל אזוי זעטיגען און צופרי־דען שטעלען די געביידע פון מענשען. קיין צווייפעל דאָס אויב מענ־שען וואָלטען אויף נים אליין זיך ערנעהרט, וואָלט מען געזעהן ווייני־גער זויערע געזיכטער און פערביטערטע, צאָרן׳דיגע מענשען ארום זיך. אָפט הערט מען וויא איינער זאָגט דאָס ער קען ניט פערטראָגען נים. אזוי שנעל וויא ער עסט נור נים ליידעט ער באלד. דאָס איז אמת—אזוי שנעל וויא ער האָט נור „איין מאָהל“ געגעסען נים און דאָס נאָך אויף א „בן־זכר“, נאכהער וויא ער האָט שוין אין זיך אריינגעצימבעלט א גאנצען פוש־קארט מיט געפילטע פיש און נאָך אנדערע אזעלכע דעליקאטען און משקה, וואָס מען עסט און טרינקט געוועהנליך איידער מען קומט צו דיא נים, און וועלכע מען עסט געוועהנליך בלויז אוים צייט־פערטרייב—אזוי שנעל ווי ער האָט אויף אזא געלעגענהייט געגעסען נים, האָט עס איהם טאקע פערשא־

דעט—עס איז אמת. שטרענג אמת! נור ניט דיא נים האָט איהם געשאדעט. זאָל ער מוחל זיין און מאכען א רעכנונג פון דיא מטעמים וואָס ער האָט אין זיך אריינגעצימבעלט, און זאָל דיעזע נעהמען און פערפאקען אין א טאָפּ און זאָל עס פערוקען אין א וואַרימען טעמפּעראטור וויא דער מענש האָט—וועט ער זיך שוין דאן איבערצייגען וואָס עס האָט איהם פערשאדט—דיא נים זיכער ניט. נור נאטירליך נים מיט געפילטע פיש זיינען קיינע מחותנים און עס איז מעגליך דאָס דיא נים ווען מען האָט זיי פערוקט צווישען אזעלכע שלעכטע קאָמפּאניע האָבען ניט געוואָלט ליידען און זיי האָבען א בורטשע געטאָהן—בלויז א קליינעם בורטשעלע דערלאנגט —דאָס קען זיין. אָבער דאָס נים אליין קען שאדען איז בעזאָנדערס לעכערליך.

מאכט ניט נאָך א מאָהל די לעכערליכע בעהויפּטונג דאָס נים. אָדער באנאנאס, אָדער אנדערע פרוכט זיינען דעם מאָגען שוועך און האָבען אייך פערשאדט. ווארום אויב איהר רעדט אזוי רעדט איהר וויא א ווארטס־פרוי. אזא בעהויפּטונג איז פאלש, ניט לאָגיש, ניט שעהן און עס פּאסט צו מאכען פאר א ליטווישען פויער. אזא חאמולע קען קיין איידעלעם פערטראָגען— קען מעהר ניט פערדייען וויא זייף מיט פּומפּערניקעל אָדער גראָבע קאשע צוגעפּרעגעלט מיט ליכט. איין מאָהל האָט פּאסירט דאָס מען האָט אזא אדעלמאן טראקטירט מיט שאָקאָלאדע—פּערסם|ט געוואָרען אויף דער שטעלע! געוועזען צו איידעל פאר איהם און ער האָט זיך באלד דערפון אויסגעצויגען פלאך וויא א לאקס. יעצט טענה'ן אלע ליטווינישע חאמולעס דאָס שאָקאָלאדע איז סם־המות!

דערפאר זאָג איך און ראטה אייך וויא א פריינד נאָך א מאָל ניט צו מאכען דיא לעכערליכע בעהויפּטונג דאָס פרוכט און נים זיינען שעדליך דעם מאָגען.

* * *

די יעניגע וואָס ארבייטען קערפּערליך אָדער האנד־ארבייטער, זאָלען עסען קערנער אזעלכע וויא לינזען, בעבלאך, ארבעס, רייז און די פערשידענע אנדערע מינים קערנער, ווי אויך פרוכט.דיזע שפּייז קרעפטיגט דיא נערוועז, שטארקט דיא ביינער און מאכט דעם מענ־

שען טהעטיג. דניאל, חנניא, מישאל ועזריה, האָבען געלעבט דערויף אין קעניגליכען הויף ביי נבוכדנצר אין בבל און זיי האָבען אויסגע־זעהן בעסער און שעהנער און קרעפטיגער וויא דיא אלע אנדערע וואָס האָבען פלייש געגעסען.

די גרעסטע מענשען אויף דער וועלט, פילאָזאָפען, דענקער און אפילו צימליך שווערע ארבייטער, אין יעדער קלימאט אויסער אין די זעהר קאלטע, האָבען צו יעדער צייט געלעבט אויף תבואה און עס האָט זיי צופריעדען געשטעלט. נאטירליך, דיא וואָס ארבייטען ניט נאָרמאליש מוזען אויך האָבען שפייז וואָס איז ניט נאטירליכע. איך קען ניט ערווארטען פון איין אָרימען שניידער וואָס ארבייט שווער 12 שטונדען א טאָג דאָס א איידעלע שפייז זאָל איהם בע־זאָרגען מיט קראפט גענוג פאר זיין טייפלישע ארבייט. ער ארבייט טייפליש און מוז האָבען טייפלישע שפייז איהם צו בעזאָרגען מיט קראפט גענוג ער זאָל ווייטער קענען ארבייטען טייפליש.

* * *

דיא יעניגע וואָס זיינען ליידענד, זאָלען עסען דורך אוים נור פרוכט—און פון דעם איידעלסטען זאָרט. דיעזעס וועט זיי ברענגען מעהר גוטעס וויא גאנצע פלעשער מעדיצין און גאנצע קעסטלאך פילען. ווארום פרוכט בעזיצט דיא אייגענשאפט צו בערוהיגען, צו קוויקען, צו טרייסטען, צו היילען. ווייל יעדער אפעלסין, יעדער פלוים, יעדע טרויב, יעדער יאגדע, יעדער קארש, איז פיר זיך איין א קליינע בוטעלקעלע מעדיצין פערפערטיגט אין דער לאבאראטריום פון דער נאטור מיט דער גענויסטער פינקטליכקייט—און די נאטור פערשטעהט איהר פאך בעסער וויא שלעכטע דאָקטוירים; און דער־פאר איז דיא ווירקונג פון פרוכט אויף שלאפע, שוואכע קראנקע בע־זאָנדערס גינסטיג. דיא זאפט פון איידעלע פרוכט איז א וואהרער באלזאם פאר א שלאפען. מענשען פערשטעהען גאָר ניט דיא וויכטיג־קייט פון פרוכט. עפעס קוקען זיי אויף פרוכט וויא אויף עפעס א מין נאשעריי וואָס איז מעהר ניט ווערט מען זאָל דערויף ספענדען בלויז א פּאָאר פענים, און דאָס בלויז צו אמוזירען דיא קינדער. גרויסע מענשען בעטראכטען עפעס פרוכט פאר א מין אונפאסיגע זאך וואָס עס פאסט גאָר ניט פאר זיי זיך אָבצוגעבען דערמיט און עסען—זיי

זיינען דאָך שוין מעהר קיינע קינדער. נור אויב זיי וואָלטען וויסען וואָס זיי פערליערען דאדורך וואָס זיי עסען קיינע פרוכט, וואָלטען זיי זיך דערמיט א רעכט ביסעל מעהר אָבגעבען. מיליאָנען און מיליאָנען ווערט פערספּענדעט א יאָהר אויף ביטער־זאלץ, ריצען־אייל און אנדערע אזעלכע פארשווינענדיגע דעליקאטען. אויב מענשען וואָלטען אָבער פערשטאנען דיא אייגענשאפטען וואָס פרוכט בע־זיצט וואָלטען זיי פערשפּארט זיך צו פערקרימען אזוי אָפט ווען זיי זיינען זיך אזוי אָפט אליין מכבד מיט א כוסה ריצען־אייל.

גוטע, פּארטיגע און „געזונדטע“ פרוכט—ניט צוגעפּוילט, בעזיצען אין זיך באלזאם צו היילען אלע קראנקהייטען פאלס עס איז שוין ניט צו ווייט פערפאָהרען. דיא זאפט פון פרוכט רייניגט דאָס בלוט און האלט דעם מאָגען אין א גוטע אָרדנונג—און אלע וויסען דאָס קוים איז דיא בלוט ריין און אלעס אין דער געביידע האָט פרייען לויף, דאן מוז מען זיין געזונד, מונטער און אויפגעלעגט. לעבער, סטינקעס, וואורשט, לימבורגער קעז קענען דאָס ניט בעוויזען, וועה־רענד יאגדעס, מאלינעס, טרויבען, אפּעלצינען, עפּעל און נאָך אנ־דערע אזעלכע פרוכט קענען עס יא אויספיהרען.

פרוכט האָט א דאָבעלע אויפגאבע—עס ערנעהרט ערשטענס און עס היילט אָדער ווענינסטענס עס פערלינדערט דעם שלאפען. אפּעלצינען, פייגען, פלוימען, דייטלען, קארשען, טרויבען, פּיטשעס יאגדעס, מאלינעס, אגרעסען, וויינפערלאך, לעמאָנס, קרענבעריס, בלעקבעריס, פאמאגראנטען און נאָך פיעלע אנדערע פערשיעדענע גאטונגען פון פרוכט, איז יעדער סאָרט פאר זיך אליין א מעדיצין. דאָקטוירים מוזען זיין אויסער ארדנונג אין זייער „טאפּ ־פלאָר“ צו אלדע שווארצע יאָהר, ווען זיי פערשרייבען אָנשטאָט פרוכט— אייזען, קוועק־זילבער, קווינין, מאָרפין, און אנדערע מינעראלען וואָס מוז אָנמאכען צרות אין דער מענשליכער געביידע. אפשר לוינט זיי ניט דער עולם זאָל זיין געזונד און זיי האלטען דערפאר מענשען בכיון אין א ליידענדען צושטאנד? אין די אלטע צייטען פלעגט מען היילען אלע קראנקהייטען מיט פערשיעדענע גאטונגען פרוכט, פערשידענע קרייטיכער מיט בלומען. אז חזקיהו המלך איז גע־וואָרען קראנק האָט ישעיה געהייסען צו לייגען א פלאסטער פון

פייגען און דער קעניג איז פון א געפעהרליכע אויסשלאָגענדע קראנק־
הייט געזונד געוואָרן. דיא אייל פון קאַקאָא ניס איז פּראכטפאָל
פאר ברוסט ליידענדע. מאלינעס אלס שוויץ־מיטעל ארויסצוטרייבען
פיבער איז בעזאָנדערס גוט. געבראָטענע עפּעל איז אויסגעצייכענט
גוט פאר דיא וואָס ליידען אויף דעם מאָגען. אויף געבראָטענע פּי־
נאטס אביסעל בעזאלצען ווען עס ווערט געבאקט,אָדער אויף געבראָ־
טענע מאנדלען האָט זיך קירצליך אונטערגענומען איינער צו קוריי־
רען שווינדזוכט—און איך בין זיכער דאָס עס קען אויסגעפיהרט ווע־
רען. פאר רומאטיז זיינען צוטרינען א זעהר גוטער מיטעל. אלס
רייניגונג מיטעל זיינען פלוימען און פייגען בעזאָנדערס גוט. און
יעצט ליידער באָמבארדירען אויף אונז דאָקטוירים ווען מיר זיינען
אין א ליידענדען צושטאנד, מיט אייזען, קוועק־זילבער, מינעראלען
אזעלכע וויא ביטער זאלץ או אנדערע אזעלכע סם־המות וואָס פער־
קירצט אונז דיא יאָהרען.

אפילו דיא פּראָסטע פלאנצונגען האָט אויך יעדער גאטונג
איהר בעזונדערע אייגענשאפט וואָס ווירקט נינסטיג אויף דער
מענשליכער סיסטעמע. דיא גוטע ווירקונג וואָס צוויבעל און קנאָ־
בעל ברענגט דעם מענשען איז צו גוט בעוואוסט דאָס מען זאָל גאָר
דעריבער ארגומענטירען. און אפילו דיא פערשיעדענע גאטונגען
פון געמיזע און גרינוואָרג, פון מעהרען ביז סעלערי און טאָמייטאָס,
קען אויך ניעמאנד עסען צו פיעל פון זיי. אלעס אונטער דער קאַ־
טאגאָריע פון גרינוואָרג איז פּאָרטרעפליך גוט ניט נור אלס שפּייז
זאָנדערן אויך אלס מיטעל צו היילען אָדער צו פערלייכטערן א גע־
וויסען פעהלער.

* * *

אויב יעמאנד ליידעט ווייל ער איז צו פעט, זאָל ער עסען פרוכט
פון דעם וויינינגען זאָרט. קיין זאך נעהמט אוועק איבעריגע פעטקייט
אין א מענשען וויא וויינינגע און זאפטיגע פרוכט.

עסט ניט צו ווענינג—עסט ניט צו שנעל. דיא פרוכט אָדער
דיא תבואה, דיא ניס און דיא פלאנצונגען וואָס איהר עסט, זאָל
ניט זיין צוגעפוילט. ווארום אויב פרוכט, למשל, איז צוגעפוילט
איז עס קראנק און אויב עס איז אין גאנצען פערפוילט, דאן

איז עס טויט — פגר מיט אלע פגרים צו גלייך—בר־מנן וויא איז פסוק שטעהט. עסט אלזא קיין קראנקע—עסט קיין בר־מנן, מעג עס אפילו זיין א נבלה פון א עפעל, ווארום דער וואָרט „נבלה" הייסט פערפוילט און אויב א עפעל איז פערפוילט איז עס אויך א נבלה.

עסט ניט ווייל עס איז 12 א זייגער, אָדער ווייל עס איז שוין 6 אוהר. עסט בלויז ווען עס איז שוין צייט צו עסען — עסט נור דאן ווען איהר האָט נור חשק צו עסען—ווען דער אפעטיט קלינגט מיט'ן גלעקעל און איז אייך מודיע אז אייער געביידע דארף נאהרונג.

* * *

פער געלעגענהייט וועל איך שוין פעראיינס אריינשמוגלען נאָך א פּאָאר נעטהיגע פאקטען ניצליך אום צו לעבען ריכטיג.

נעהמט בעדער אזוי אָפט וויא נור מעגליך. איהר קענט ניט נע־מען צו פיעל פון זיי. דיא תורה הייסט אונגעפעהר 72 מאָהל צו וואַ־שען זיך, און דיא קליידער, אונטער פערשיעדענע אומשטענדען.

„ורחץ במים את בשרו וטהר"—און ער זאָל זיין קערפער וואַ־שען אין וואסער אום ער זאָל זיין ריין, זאָגט אָן דיא תורה אונטער פערשיעדענע אומשטענדען אונגעפעהר 35 מאָהל.

„וכבסו בגדיהם והטהרו„—און זיי זאָלען וואשען זייערע קליי־דער און זיי זאָלען זיין ריין, זאָגט אויך אָן דיא תורה אונגעפעהר 37 מאָהל.

און ענדליך גיבט דיא תורה ווארנונג אויף אזא ארט :—„ואם לא יכבס ובשרו לא ירחץ ונשא עונו"—פאלס אָבער ער וועט זיך ניט וואשען, און וועט זיין קערפער ניט האלטען ריין, דאן וועט ער ליידען פאר זיין זינד. (ויקרא י"ז—16).

* * *

אייערע קליידער און בעט געוואנד דארפען זיין בעזאָנדערס ריין. שלאָפט ניט אויף בעט געוואנד אזעלכע וואָס קריכען ארום בירושה פון דור צו דור. אין דיא קליידער און בעטגעוואנד האָט מען מיט א פּאָאר יאָהר צוריק פערשלעפּט דיא חאָלעריע אין האמבורג. עפּעס א קליינינגקייט בעט געוואנד וואָס געהט איבער בירושה פון דור צו דור ! איהר שפּיעלט זיך מיט א פערענע וואָס איז שוין אלט גענוג צו האָבען א גרויע באָרד. אזא פערדאמטע פערענע האָט

ביכולת צו פערשלעפּען דיא חאָלעריע ניט נור אין האמבורג אליין, זאָנדערן איבער דער גאנצער וועלט. ווארום אויף דיא זעלבע פּערענע וואָס איהר שלאָפט, אויב איהר זייט א באלטרימאנצעשאָקער קען גאנץ מעגליך זיין דאָס עס האָבען שוין דערויף געשלאָפען אלע איי־ערע אור־אור־אור עלטערן ביז „עכן בן כרמי בן זבדי בן זרח"—וועל־כער האָט עס נאָך געמוזט גנב'ענען אין דער מלחמה.

טראָגט קיין „שעטנז"—קליידער געמאכט פון פערשיעדענע גאָ־טונגען שטאָף אזעלכע, למשל, וויא וואָל און פלאקס. ווארום יעדער גאטונג האָט איהר בעזונדערע אייגענשאפט און איהר בעזאָנדערע ווירקונג אויף דער מענשליכער געביידע. איינע צום ביישפּיעל וואָ־רעמט, דאָס צווייטע קיהלט; און דערפאר וואָס יעדער פון זיי שטרעבט אויסצופיהרען איהר ווירקונג, ברענגט דיזע „שעטנז" נאטירליך קיין גוטע ווירקונג אויף דיא איידעלע חושים און פעהיג־קייטען פון דעם מענשען.

קיין צווייפעל דאָס אויב דער מענש וואָלט געטראָגען נאטירלי־כע קליידער—קיין שעטנז, וואָלט ער געוועזען פיעל וועניגער אונטער־וואָרפען אונטער פעשיעדענע קראנקהייטען, און זיין פערשטאנד וואָס פאָרדערט דיא צערטליכסטע ווירקונגען פון אלעם ארום און ארום זיך, וואָלט געוויס געוועזען אין א בעסערע אָרדנונג. איך האלט דאָס וואָל און האָר און די געוועב פון ווערים און פעל איז ניט פּאַ־סענד אלס קליידונג פאר דעם מענשען. דיא ריכטיגע מאטעריאל פּאַ־סיג איז פלאכס און בוימוואָל. דיעזע קען מען וואשען און האלטען ריין. ניט אָבער אזוי וואָל און האָר און פעל וואו מיקראָבען האָדעווען זיך געדיכט און געשווינד און וועלכע מען קען ניט בעקוועם וואָ־שען און ריין האלטען. לויט דיא געזעצע פון דער תורה קען גאָר א איד ניט טראָגען אזעלכע קליידער וואָס ער קען ניט אלע ווייל־ע וואשען. „וכבסו בגדיכם וטהרו"—און איהר זאָלט וואשען אייערע קליידער און איהר זאָלט זיין ריין, זאָגט אָן די תורה.היינט גיה און וואש א טהייערען אויבעררשאָק אָדער א סאמעטענעם מאנטעל אָדער א זיידענע קלייד, אלע ווייל־ע! און וואָס איז נאָך אזוי אונריין וויא א קלייד פון וואָל אָדער פעל, אָדער האָר, וועלכעס מען טראָגט אָפט יאָהרען לאנג? ווען דיא חיה לעבט

און קען האלטען איהרע וואָל אָדער איהרע האָר ריין, איז עס אויך אונריין גענוג. איבערהויפּט נאָך נאכהער וויא מען האָט עס ארום געשאָרען אָדער איהר פעל געירשנט נאָך איהר טויט. מען האָט קירצליך מיקראָסקאָפּיש עקזאמינירט א וואָלענע זאָק, און מען האָט דערין געפונען ניט מעהר וויא בלויז 956 קאָלאָניעס פון מיקראָבען! דענקט דריבער —קלעהרט וויא שרעקליך עס איז!

לויט תורת משה אָבער קען מען ניט טראָגען אזעלכע קליי־דער וואָס מען קען ניט וואשען נאכהער וויא מען האָט זיך אָנגע־ריהרט אן אן אונריינע זאך—און ווער פון אונז קומט ניט אָפט אין בעצוג מיט אונריינע געגענשטענדע?

„בזאת יבא אהרן אל הקדש—כתנת בד קדש ילבש ומכנסי בד יהיו על בשרו ובאבנט בד יחגר ובמצנפת בד יצנוף בגדי קדש הם"—אויף אזא ארט דארף אהרן אריין קומען אין דער הייליגקייט: אין א מונדיר פון לויטער ריינע לייווענט, ביז זאָגאר דעם גארטעל, ביז אפילו דיא הוט. ווארום נור אזעלכע קליידער זיינען הייליג, ריין.

וויא ערהאבען תורת משה איז! וויא גענצליך בעקאנט עס איז מיט דער געזונדהייטס פראגע.

* * *

איהר מוזט רוהען אום שבת, ווארום זאָנסט שטרענגט איהר אָן אייער ענערגיע וויא אויך אייער פערשטאנד און איהר קענט ניט פאָרטזעצען אייער ארבייט ווען עס קומט אָן דיא נייע וואָך מיט דער זעלבער פרישקייט וויא איהר וואָלט געהאט פאלס איהר וואָלט שבת יא געהאט גערוהט, און וואָלט זיך אין דעם טאָג יא אויסגע־טאָהן גענצליך פון דער אלטעגליכער אמביציע.

איהר מוזט פאסטען וועניגסטענס איין טאָג אין יאָהר—מעהר אויב מעגליך. ווארום אייער געביידע מוז רוהע האָבען. אלעס אין דער נאטור האָט איהר בעשטימטע צייט צו רוהען און אייער געביידע בילדעט נאטירליך קיין אויסנאהמע. גיבט דערפאר אייערע אָרגאנען רוהע. עס איז אין דיא לעצטע צייטען גאָר בעוויזען געוואָרען דאָס פאסטען קורירט אלע קראנקהייטען—אפילו משוגעת. ווארום עס שטארבען אוים פון הונגער דיא אלע מיקראָבען וואָס פעראורזאכען

דיא קראנקהייט; און צווייטענס בערוהיגט פאסטען דיא נערוועןאזוי, דאָס זיי ווערען צוריק נאָרמאל און דער קראנקער ווערט צוריק געזונד.

אין דיא לעצטע יאָהרען איז פיעל און פיעל איבער פאסטען געקלעהרט און נאכגעפאָרשט געוואָרען און מען איז דערגאנגען פּאָזיטיוו דאָס דער יעניגער מיט א שטארקען כאראקטער וואָס קען אויסהאלטען דיא אָרדאליע פון פאסטען, קען געהיילט ווערען פון דיא געפעהרליכסטע קראנקהייט. איך געדענק נאָך וויא א געוויסער „דאָקטאָר טאננער" האָט אין 1880 געפאסט 40 טעג און איז דאַדורך אויסגעהיילט געוואָרען פון א זעהר שמערצליכע קראנקהייט וועלכע דאָקטוירים האָבען ערקלעהרט פאר אונהיילבאר.

משה רבינו האָט געפאסט 2 מאָהל צו 40 טעג נאכהער וויא ער איז שוין אלט געוועזען אריבער 80 יאָהר. ער האָט דערמיט געצייגט וויא ער דריקט זיך טאקע אויס: — „למען הודיעך כי לא על־הלחם לבדו יחיה האדם"—אום דוא זאָלסט וויסען דאָס ניט נור אויף ברויט אליין לעבט דער מענש. דיא וויסענשאפט בעשטעטיגט דיעזען אמת. עס גיבט צו דאָס עסען אליין בעזאָרגט ניט מיט דער חיונה וואָס דעם מענשען איז נעטהיג. עסען שפּארט נור אונטער דאָס הארץ —„ולחם לבב אנוש יסעד" ווי עס איז שוין ערקלעהרט אין צווייטען טהייל פון דיעזע ווערק; און עס בעזאָרגט מיט מאטעריאל פאר דעם אָבפאל אין דער מענשליכער לאבאראטאָריאום. דער לעבען אָבער אליין ליעגט ניט אין געשמאָרטע לעבער און אפילו ניט אין פּומפּערניקעל. עס קומט פון א העכערע קוועלע.פרוכט און וואסער האָבען אויך בלויז דיא אויפגאבע אָבצופרישען דיא אָרגאנען, צו רייניגען וואו עס איז ניט ריין, און צו פעריכטען דאָרטען וואו עס איז צוריסען, צופליקט—דאָס הייסט צו היילען דאָרטען וואו א גליעד אָדער איין אָרגאן איז ניט אין דער אָרדנונג. נור שפּייז אליין קען דאָס אָבער ניט בעווייזען אזוי וויא פאסטען. אזוי וויא שלאָף פרישט אָב דעם מענשען און בערוהיגט זיין געדאנקען און גלייכט אויס זיינע גלידער און עס איז דאָך נור דערום ווייל אין דער צייט פון שלאָף לאָזט איהר זיי רוהען; אזוי פרישט אב פאסטען אלע אָרגאנען און אויך נור דערום ווייל איהר לאָזט זיי אלע דורך פאסטען רוהען. אז דיא

ארגאנען זיינען ניט בעלעסטיגט קריעגט דאס בלוט פרייען לויף און נור דאן קען א מענש געזונד זיין. אויסער דעם, וויא שוין פריהער־געזאגט, שטארבען אויס דיא אלע מיקראבען וואס פעראורזאכען די קראנקהייט און וואס מאכען א לעבען „משוד עניים ומאנקת אביונים“ פון דעם וועהטאג און פון דיא וואונדען פון א קראנקען; און קוים ווערט דער מענש לויז פון דיעזע פאראזיטען דאן מוז ער צוריק געזונד ווערען. עס גיבט אלזא קיין בעסערע זאך וויא פאסטען אום זיך וויעדער צו דערהאלען און צוריק געזונד צו ווערן.

* * *

פיהרט ניט אין אייער הויז א „חד־גדיא“ לעבען—דאס הייסט קומט ניט צו הויז א צוקאכטער, און גיסט ניט אויס אייער גרימ־צארן אויף אייער פרוי— ווארום דיעזע וועט עס נאכהער אויסלא־זען צו דיא קינדער, און יענע איינס צו א צווייטען ביז עס וועט ענד־ליך אנקומען צום מלאך־המות—חד־גדיא—חד־גדיא! מעהר וויא אפט פיהרט אזא אונגליקליך לעבען צום מלאך המות. עס פער־ביטערט דעם לעבען און עס מאכט פון קינדער איינפאכע קריפעלס. זיי ווערן בייז און ערגערליך און האבען אנשטאט פריינדליכקייט און גוטע געפיהלען, בלויז שנאה און פעראכטונג. נאכהער איז שוין לוידער אונמעגליך מקיים צו זיין „כיבוד אב ואם“—שוין ניט צו דערמאנען רעספעקט און ליעבע פאר פרעמדע. און דיא שולד דער־פאר ליעגט נור אין אזעלכע „חד־גדיא“ בענעהמונגען.

אין זיין היים דערקענט מען דעם ריכטיגען מענשען. אין זיין היים בעווייזט דער מענש זיין ריכטיגען כאראקטער. אין דער וועלט קען מען ניט אימער ארויסווייזען וואס מען איז—אומשטענדען לא־זען ניט. צו הויז אבער ארומגערינגעלט וויא מען איז מיט אייגענע, צייגט א מענש זיין ריכטיגען קאליער. פיעלע—ליידער צו פיעל, בעווייזען אין הויז וואס זיי קענען ניט בעווייזען אין דער וועלט: און ווען זיי קומען צו הויז לאזען זיי זיך פערנאנדער. וואס ניעמאנד וועט עס פון זיי צונעהמען אין דער וועלט, גיבען זיי אפט אוועק צו דער ווייב און צו דיא קינדער. אונטער אזעלכע אומשטענדען קע־נען זיי ניט ערווארטען אבצוקריעגען א זאך וואס זיי האבען ניט גע־געבען. ווער עס קומט וויא א שטורם ווינד אין דער היים, דער דארף

ערוואַרטען צו שניידען וואָס ער האָט פערזייעט. אויב איינער וויל אכטונג, צערטליכקייט און וואַרימע בעהאנדלונג אין דער היים, דאַן איז דאָ א מיטעל דערצו—גראַדע אזוי זיינע הויזלייט צו בע־האנדלען. אויב איינער בעזיצט ניט אזא געפיהל און מוז אויס דער נאַטור האנדלען וויא א נויאָרקער פּאָליסמאַן, דאַן זאָל ער מוחל זיין און א ביסעל איינהאַלטען זיין פערד און זיך באהערשען. זעלבסט בעהערשונג איז א טוגענד וואָס איין יעדער פון אונז דאַרף נאָכ־אַנאַנד שטרעבען אין זיך צו קולטיווירען.עס איז איינע פון די שעהנ־סטע מידות. „ומשל ברוחו מלוכד עיר"—דער וואָס בעהערשט זיין טעמפּעראַמענט איז פיעל מעכטיגער וויא דער וואָס נעהמט איין א שטאָט. לעהרנען אונז די אבות. צוימט איין אייער כעס—קאָכט ניט אויף ביי דריי גראַד היץ—זייט געלאַסען—זייט צערטליך. א גוטער וואָרט קאָסט ניט אזוי טהייער, און וואָס איז ליידער דער גאַנצער מענשענס לעבען אויב מען זאָל עס ניט זעהן צו מאַכען אזוי אנגענעהם וויא נור מעגליך. און פערגעסט ניט דעם וויכטיגען פאַקט דאָס גראַדע אזוי וויא איהר פיהרט אין אייער הויז, גראַדע אזוי וועלען נאַכהער פיהרען אייערע קינדער. ווארום אויב זיי וועלען פערביטערט אין זייער יוגענד מוז עס שוין נאַכהער געהן „חד־גדיא־מעסיג". איינער א צווייטען מוז שוין נאַכהער דערגעהן דיא יאָהרען ביז עס מוז שוין ענדליך אָנקומען צום מלאך המות—חד־גדיא ! חד־גדיא !

* * *

וואָהנט אין וואָהנונגען וואו דיא זונן קומט אריין. וויא אויך דיא שטראַהלען פון דער לבנה. האָב שוין באריכות וועגען דעם גע־רעדט אין 2טען טהייל פון דיעזע ווערקע. דעם עולם'ס ווערטעל דאָס „וואו די זון קומט ניט דאָרט קומט דער דאָקטאָר",איז א זעהר ריכטיגער. לעבען און געזונד ווערט אויסגעבאַקען אין דעם מענשען נור דורך דיא שטראַהלען פון דער זון. א פלאַנצונג אויב איהר זאָלט פערפלאַנצען אין א קעלער וואו דיא זון קומט ניט אריין קען ניט וואַכסען, און וויא קען דער מענש ? וועלכער איזט אויך נור בלויז א פלאַנצונג—„כי האדם עץ השדה" (דברים כ', 19).

ניט אלע קענען וואָהנען אין ארקאַדיען, אָבער אלע קענען געני־סען די ליכטיגקייט פון דער זון.ווייכט איבערהויפּט פון וואו עס איז

פינסטער. עס שיינט דאָס נאָך אלעמען איז דער מענש דאָך אן ערדעל־מאַן אויס דער נאַטור און קען ניט פרעך, אין דיא אויגען פון דער זון און אין דער ליכטיגקייט פון דער לבנה אָבטאָהן און בעגעהן א שמוציגען טהאט. נור אין דער פינסטער—ווען דיא פעגסטער זיינען בעהאנגען מיט „גזר־דינען", מיט געדיכטע קאָלדרעס, געפינט שוין דער מענש וויא עס איז א היתר—א קלאָג נאָך דיא קאָלדרעס! ווער ווייסט וויא פיעל דיעזע פערדאמטע קאָלדרעס זיינען פער־אנטוואָרטליך וואָס דער מענש טוהט אָב פון דער אנדער זייט ירדן—פון דער צווייטער זייט פון דיעזע קאָלדרעס.

* * *

שלאָפט געזונט, ווארום שלאָף איז דער בעסטער דאָקטאָר וואָס קען אייך קורירען. האָט איהר שוין א מאָהל ניט בעטראכט אין זיך אליין וויא איהר געהט שלאָפען מיט א פערקלעמטע הארץ—מיט א בארג זאָרג אויף זיך וועלכע איהר מיינט איהר וועט עס זיכער ניט קענען אריבער טראָגען, און צום סוף אז איהר זיינט אויפגעשטאנען נאָך א גוטען שלאָף, האָבען שוין גאָר יענע בערג אויסגעזעהן בלויז וויא שאטענס פון בערג, אָפט נאָך אפילו ניט אזוי וויא שאטענס — זיינען אין גאנצען פערשוואונדען געוואָרען וויא קרח, און איהר לאכט פון זיך אליין דערפאר וואָס איהר האָט זיך גאָר ארום יענע נארישקייט אין גאנצען געערגערט. דיא אלע נארישע ליגענס וואָס קריכען ארום צווישען עולם און וואָס דערצעהלען וויא אזוי גרוי־סע לייט שלאָפען בלויז זעהר ווענגי, זיינען ניט מעהר וויא אומגע־לומפערטע ליגענס. א גרויסער מאן קען ניט פאָרטזעצען זיין ארבייט פאלס זיין געדאנקען איז ניט אויסגערוהט. אָהן עסען קען יא א מענש אויסקומען א געוויסע צייט—אָהן שלאָפען ניע. און ניט נור דארף מען שלאָפען געזונט, זאָנדערן אויך אין דער ריכטיגער צייט. דיא יעני־גע וואָס דרעהען אום טאָג אויף נאכט און נאכט אויף טאָג, מוזען ליידען אין פערלויף פון א גאנץ קורצע צייט. „הוי האמרים לרע טוב ולטוב רע שמים חשך לאור ואור לחשך"—וועה דיא וואָס זאָגען אויף שלעכט גוט און אויף גוט שלעכט, און מאכען פון פינסטער ליכטיג און פון ליכטיג פינסטער.

איבערהויפט מוזט איהר אכטונג געבען דאָס איהר זאָלט פיה־רען א געלאסענעם און שטרענג מאָראלישען לעבען. ווארום קוים וועט איהר ניט פיהרען אזא לעבען איז אומזיסט אייער גאנצע מיהע. ווארום דער וואָס וויל דוקא לעבען א רוישענדען צוקאכטען און אונמאָראלישען לעבען, קאָן דאָס בשום אופן ניט אויספיהרען אויף וועגעטעריאנישע שפייז.

* * *

צייגט מיר איינעם וואָס נאכהער אז ער זאָל נאָכדענקען ריכ־טיג און זאָל זיך ארומזעהן וויא דער קורז האלט, וואָס זאָל זאָגען דאָס איך האָב ניט רעכט. ווייזט מיר איין עהרליכען דענקער וואָס זאָל זאָגען דאָס דיא בעווייזע און ארגומענטען וואָס איך ערצייג זיי־נען ניט ריכטיג. און אויב עס איז יא ריכטיג און עס איז אמת, דאן פערנעהמט זיך זאָ פאָרט מיט דער אויפגאבע צו פערבעסערן אייער לאגע. פערנעהמט זיך ריכטיג צו לעבען. פערנעהמט זיך מיט א שפייז פון פרוכט, ניס, קערנער און פלאנצונגען. האָט אימער אין זינען דאָס נאָך אלעמען איז פלייש עסען בלויז א געוואָהנהייט און ניט א נעטהיגקייט. פערגעסט קיין מאָהל דאָס מערדערן לעבעדיגע בעשעפעניסע און אויפעסען זייער פלייש איז קיין יושר און איז זעהר ניט שעהן. פאָלגט דיא פראָגראמע וואָס איך שרייב אייך דאָ פאָר. עס איז ניט שווער אויסצופיהרען. פאָלגט, ווארום זאָנסט מוזט איהר זיין ליידענד—מוזט נאָכאנאנד האלטען אין איין זינקען און קיין קובעבי, קיינע ביטערע פראָשקעס, קיינע פילען, קענען אייך און וועלען אייך העלפען. דאנעגען אז איהר וועט פאָלגען „והיה כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך כי אני ה׳ רופאיך"—פערזיכערט אונז גאָט; און עס איז גאנץ נאטירליך, ווארום דער וואָס פערלעצט ניט דיא רעגעלען פון דער נאטור, דער דארף ניט ליידען. קראנקהייט האָט גאָט ניט בעשאפען. עס איז בלויז א נאטירליכע פאָלגע פון א ניט נאטירליכע אויפפיהרונג. אז דער מענש לעבט ריכטיג מוז ער זיין גע־זונד. פאָלגט אלזאָ און לעבט ריכטיג, און איהר וועט זיין געזונד, מונטער, אויפגעלעגט און פרעהליך. אייער פערשטאנד וועט זיין א גלייכער, אייער הארץ א גרינגע, און עס וועט אייך פער־

שאפען מיט ערהאבענהייט פון דער זעעלע, ווי אויך מנוחת הנפש— צופריעדענהייט פון דער זעעלע, וועלכעס איז אונז אלעמען אזוי זעהר נעטהיג; און אייער לעבען וועט דאן זיין אזוי אנגענעהם „כימי השמים על הארץ!“



# דער 4טער טהייל.

דער 4טער טהייל פון „לא־תרצח“ איז שוין אין דער פרעסע און וועט קירצליך ערשיינען. צו קריעגען ביי אלע אידישע בוך־הענדלער, וויא אויך ביין פערפאסער.

## פרייז 25 סענט.

אדרעסירט:

A. H. FRANKEL,

Greene and Marcy Aves., Brooklyn, N. Y.